STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06863

DI LANGE NAKHT

Eliezer Greenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר גרינבערג

די לאַנגע נאַכט

אַרויסגעגעבן פון ליפּקאַנער בעסאַראַבער סאָסייעטי
ניו־יאָרק, 1946

הילע געצייכנט פון י. ליכטנשטיין

Printed in U. S. A.

400

I

לידער פון היינט

די לאַנגע נאַכט!...

אזא פאַרטאָג געווען, אזויפיל ליכטיקע פרימאָרגנשטערן,
אזויפיל העלער צוזאָגן! אזויפיל ליכטיקער פאַרשפּרעכן!
ווער האָט ריכטן זיך געקאָנט אויף א בייטאָג מיט פליייץ פון טרערן,
און אויף אזא זונפאַרגאַנג — מיט אזויפיל אומגליק און פאַרשוועכן!
— אזא פאַרטאָג געווען! אזויפיל ליכטיקע פרימאָרגנשטערן!

אז וויסט און מדברדיק וועט ציען זיך אומענדלעך־לאַנג
די נאַכט, א לאַנגע נאַכט, מיט עראָפּלאַנען און קאַנאָנען!
ווער האָט ריכטן זיך געקאָנט אויף אזא בלוטיקן זונפאַרגאַנג,
אויף נעכט אַן עמוד־אש, אויף טעג אַן עמוד־ענן!
— אזא פאַרטאָג געווען! אזויפיל ליכטיקע פרימאָרגנשטערן!

אזא פאַרטאָג געווען, אזויפיל ליכטיקע פרימאָרגנשטערן,
אזויפיל העלער צוזאָג, אזא פאַרטרויענדער באַגינען!
ווער האָט ריכטן זיך געקאָנט אויף אזא ליקוי־חמה, אויף אזויפיל טרערן,
אויף אזא נאַכט, א לאַנגע נאַכט, מיט אומגליק, מיט רואינען!
— אזא פאַרטאָג געווען! אזויפיל ליכטיקע פרימאָרגנשטערן!

ווי פאַר בראשית ! . . .

אַ נעפּל האָט אויסגעשטאָכן דער זון די אויגן,
דער טאָג איז בלינד.
פון איין עק וועלט צום צווייטן —
יאָמערט אַ דולער ווינט.

ער יאָמערט, ווי קדיש, אַ ניגון,
אַ ניגון — הייס ווי אַ טרער;
און שטעט און דערפער וויגן
זיך דולע, אַהין און אַהער.

שיפן ווייגען אויף ימען,
און זוכן צום האַפן אַ וועג:
זיי וועלן שוין סיי־ווי פאַרזאַמען
די רו פון געחלומטן ברעג.

דער ים וואַרפט זיי בייז, ווי אין פיבער,
נאָר זיי האָפן נאָך אַלץ אויף אַ נס.
ביז דער ים גייט די ברעגן אַריבער,
און דורך חושך ציט דער מעת־לעת.

איבער שטעט און דערפער לויערט
אַ טיפער, אַן אָפענער תהום:
און ס׳קומט נענטער דער תוהו־ובוהו —
פון אַ וועלט וואָס ווערט חרוב ווי סדום.

פעלדער און וועלדער שווערן —
נישט צו געבן קיין פרוכט און קיין ברויט;
די זון, די לבנה און די שטערן —
לעשן זיך אויס אין זייער פייערדיקער הויט.

ביז אויף דר׳ערד בלייבט קיין סימן פון לעבן,
נישט פון מענטש, נישט פון חיה קיין טראָט;
און איינזאַם הייבט ווידער אָן שוועבן —
ווי פאַר בראשית — דער גייסט פון גאָט.

און מיט אַנטוישונג, מיט שווערער באַלאָדן,
און ווי געטראָפן פון אייגענער שטראָף:
איז אויך דער כביכול פאַריתומט אין שאָדן —
און פול חרטה אויף זיין פאַרשוועכטן „כי טוב!" . . .

פערזן

(א)

אין פריער נאַכט, דאָס האַרץ זיך וויגט
אויף שוים פון קריג מיט זיך אַליין:
אין טרויער־נעץ דאָס מזל ליגט —
און דאָס געמיט אַ שווערער שטיין.

דער שלאָף מיידט אויס די מידע אויגן,
און שאַרף און וואַך איז דאָס געהער:
כ׳האָב גליק און אומגליק אָפּגעוואויגן —
דאָס גליק וועגט איבער מיט אַ טרער.

(ב)

איך ליג, און הער אין שפּעטער נאַכט —
דעם גאַנג פון שטערן, גאַנג פון ווינט:
ווי טיף אין הימלס בלויער טראַכט —
אַ שטום געוויין דורך פייער רינט.

דער היינט און נעכטן — ווינט אויף וועג —
צום מאָרגן: טויב — מיט גרינעם בלאַט!
דער מאָרגן! — ס׳האַרץ איז פול מיט שרעק —
פאַר נייעם מבול און פאַרראַט!

(ג)

עס דראָען שטום — געפאַר און שרעק —
און שעהן טריפן, ווי געוויין:
איך לייג מיין מידן קאָפּ אַוועק —
אויף האַרטן פויסט, ווי קיזלשטיין.

און אויף וואָגשאָל און געוויכט —
איך וועג גערעכט און אומגערעכט:
כ׳שטעל זיך אַליין איצט צום געריכט —
און משפט זיך פאַר גוט און שלעכט.

(ד)

דער מאָרגנשטערן, דורך אַ שויב —
פּאָרטרוילעך קוקט צו מיר אַריין:
— דער טאָג קומט נישט ווי נחס טויב,
און טרויער טרינקט מען נישט ווי ווײַן!

און ווײַן איז אויך נאָר שוים פון טרייסט,
ווען פּײַן בלײַבט נישט געמינערט, טיף.
און וואָס עס וואָלט דיך אויסגעלייזט —
איז שפּיל פון שטורעמווינט מיט שיף.

(ה)

אויף שפּיל פון ביימער, אויף שאַרף פון גראָז,
— אַ רײַפע זון אינמיטן טאָג:
ביזן ראַנד הענגט מיט פּאַרדראָס —
דאָס האַרץ אַ פולע שאָל אויף וואָג.

נאָר וואָס איך זע; און וואָס איך הער —
פאַרנעם איך מיט אַ פאַרגעפיל:
איך וועל ניט הערן, נישט זען שוין מער —
און אָוונט נידערט ווידער שטיל.

(ו)

איך זע און הער אין שפּעטער נאַכט —
דעם גאַנג פון שטערן, גאַנג פון ווינט:
ווי טיף אין הימלס בלויער טראַכט —
אַ שטום געוויין דורך פײַער רינט.

דער שלאָף מײַדט אויס די מידע אויגן,
און וואַך און שאַרף איז מײַן געהער:
כ'האָב גליק און אומגליק אָפּגעוואויגן —
דאָס גליק וועגט איבער מיט אַ טרער!...

די וועלט איז אַ שפּיטאָל

„די וועלט איז א שפּיטאל, וואו יעדער חולה וויל בייטן זיין בעט"
פון שארל באדלערס בוך לידער: „בלומען פון שלעכטס".

די וועלט איז נאָך אַלץ אַ שפּיטאָל. אַ חולה אין סכנה
ליגט קראַנק, מיט אויגן רויט־פאַרלאָפּענע פון פיבער:
די נאַכט געװענט, און אויף זייגער פון דערוועלט אַ יונגע לבנה
גלימערט אַיינגעפּרוירן, ווי אַ ווייזער, איבער טרויעריקע שטיבער.

אַ ליידנפולער גערטנער פון „בלומען פון שלעכטס",
הונדערט־צוואַנציק יאָר נאָך דיין געבוירן —
איז די וועלט נאָך אַלץ אַ שפּיטאָל, און דער חולה קרעכצט,
און בייט זיין בעט, און פיבערט ווי דו פאַרלוירן.

און וואו ער לייגט זיך נישט ברענט ער אין פלאַמען,
ווי דו דורך נעכט אין דעליר, און קאָן נישט שלאָפן.
ער אַנט, ווי דו, דעם רויש פון ווייטע ברויזנדיקע ימען,
און ס'הילכט אין זיינע אויערן די שרעק פון קאַטאַסטראָפן.

ער וואָלט פון בעט זיך אויפגעהויבן און אַנטלאָפן,
איז ער צום בעט געשמידט מיט שאַרפע ווייטיקן, ווי דו אַמאָל:
אַ דור קומט, און אַ דור פאַרגייט; קאַטאַסטראָפן קומען נאָך
קאַטאַסטראָפן.
און די וועלט, מיט „בלומען פון שלעכטס", איז דאָסזעלבע שפּיטאָל! . . .

גרויל פון מיטלאַלטער

מיט מערדערישן גרויל צעריסן און פאַרוואונדעט —
ציט דורך מיין געמיט אַ טרויער־ווינט, אַ קאַלטער:
כ׳האָב שלאָפן זיך געלייגט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט —
און אויפגעוועקט האָט מיך דער גרויל פון מיטלאַלטער.

דער הימל האָט זיך געהוידעט אויף קרעכצנדיקע שטריק,
געדרעוועט האָט די ערד מיט חיהשן געשריי:
און ס׳האָבן דורך דער נאַכט געדרייט זיך אויף צוריק —
יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט, אין משוגענעם געדריי.

ביז ביים פאַרשוועכטן ליכט פון מערדערישן טאָג —
האָט אַ האַקנקרייץ געגרעלט מיט בלוט פון רויב און מאָרד.
אַ דור האָט זיך צעקלונגען מיט פוסטן שקר, ווי אַ גלאָק,
נאָר געיאָמערט האָט פאַריתומט שטיל דאָס תפילהדיקע וואָרט.

האָט גאָט אָפּגעקערט זיין גנאָד פון דעם פּנים פון דער ערד.
איז מענטש אַרויס קעגן מענטש — שונא קעגן שונא.
פון אַקעראייזן איז געוואָרן אַ שווינגענדיקע שווערד,
און פון בית־המקדש איז געוואָרן אַן אַווירדיקע בוינע.

טאָג איז ניט קיין טאָג, און נאַכט איז ניט קיין נאַכט.
דער הימל גרוילט מיט גרוי, ווי אומהיימלעכע שינעלן;
און ווי הונגעריקע קראָען אַרום צעפוילעניש פון שלאַכט —
קראַכן עראָפּלאַנען, און ס׳פּאַלט אַ האָגל פון שראַפּנעלן.

יעדער העלער שטראַל פון האָפענונג איז פאַרשטעלט
פון וואָלקנס פול מיט צער, וואָס וואַנדערן ווי דולע:
צעלעכערט וויינט דאָס הארץ — די מאַפּע פון דער וועלט,
און עלנט ליגט אין שטויב פאַרשוועכט דאָס ליד פון גאולה.

דער גלויבן קלאָגט געפאַנגען אין נעץ פון טמא אַקטן,
און וואו בליען האָט באַדאַרפט די האָפענונג, די לעצטע,
איצט הוליען ווילד אָון פרעך, ווי שדים, שוואַרצע פּאַקטן,
און פאָנען וויינען שטומע — וועקסלען אָנגעזעצטע.

מיט מערדערישן גרויל צעריסן און פאַרוואונדעט —
ציט דורך מיין געמיט אַ טרויער־ווינט, אַ קאַלטער:
כ׳האָב שלאָפן זיך געלייגט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט —
און אויפגעוועקט האָט מיך דער גרויל פון מיטלאַלטער.

מלחמה־לאַנדשאַפט

געדיכטער נעפּל.
די קאַנאָנען שווייגן.
און צווישן איין שלאַכט און צווייטער —
דרימלט דער נאָענטער דזשאַנגל מיט זיינע פּעכערדיקע צווייגן.
ס׳איז איצטער שטיל אין דעם תמיד־וואַכנדיקן עראָדראָם.
אויסגעמאַטערטע רוען די תמיד־רוישנדיקע פּראָפּעלערס.
און ס׳כאַפּן־אָפּ דעם אָטעם שורות צוריקגעקומענע עראָפּלאַנען —
נאָך אַ נאַכט פון הרוב־מאַכן און אונטערצינדן סדום.

ווייט־ווייט רויכערט זיך די ערד אַ צעאַשטע.
און איןביידלעך קאַמופלאַזשטע —
רוען יונגע פּילאָטן אין אָפּגעטראָגענע מונדירן,
מיט פאַרוואָקסענע פּנימער: מיט צעשראָקענע אויגן:
און שווייגן מיט אַ שוויגעניש אין זיך אַריינגעצויגן.

באַלד געענט די אָוונט־שעה.
דער אָוונט ווערט קיל און קילער.
דער נעפּל האָט שוין לאַנג זיך אויפגעלייזט.
— פאַר וועמען דאָס איז געבענטשטע שעה פון אָפּרו און פון טרייסט.
פאַר וועמען גנאָד, שלאָף, און חלומות פון לויטערע ביינאַכטן.
— דאָ רוישט דער עראָדראָם, דאָ גרייט מען זיך צו נייע שלאַכטן.

די הימל־רוימען נעמען ווידער לויערן מיט סכנות.
יעדע לעבנס־רגע ווערט דאָ ווידער נס־געשענקטער.
יונגע פּילאָטן ווערן טרויעריקער, פאַרבענקטער.
זיי דערמאָנען זיך אין קיינמאָל־צוריקגעקומענע יונגע חברים,
און ס׳מישט זיך טיף אין זייערע אויגן —
העלדישקייט מיט פּחדנות.
גרויזאַמקייט מיט רחמנות.

דער עראָדראָם איז וואַך.
די אויסגערוטע עראָפּלאַנען —
רייסן זיך אין וועג.
און יונגע פּילאָטן נעמען אומרואיקע שפּאַנען —
נעענטער און נעענטער צו זייערע געפליגלטע גורל־חברים,
און טראַכטן געזעגן־בריוו צו מאַמעס, צו חברים, צו כלות —
וואָס זיי שיקן קיינמאָל ניט אָוועק...

לאַנדשאַפט מיט פּליטים

שפּעטער האַרבסט.
די ביימער שטייען נאַקעט דאָ ווי תּליות,
און ווינטן קלאָגן פידל אויף די דאַרע צווייגן:
אַ שווינדזיכטיקע זון שליסט־צו די מידע וויעס —
און ס'גרווילט דער הימל מיט מורא און מיט שווייגן.

עס שמעקט די לופט מיט שניי, מיט האַרבע פרעסט,
און וואָלקנס יאָגן זיך פון ווינטן אָנגעטריבן:
אויף אַ דורכגעשאָסענעם בוים אַן עלנטע פויגל־נעסט —
איז וואָרעם נאָך פון חורבן דאָ פאַרבליבן.

שפּעטער האַרבסט.
און דורך גרויע טעג פול־פּחד און פול־אימה
באַהאַלטן זיך פּליטים אין קאַלטע פעלדזן־הייליך:
זיי מיידן־אויס דאָס קראַנקע ליכט פון טאָג; געהיימע —
קומען זיי מיט דער נאַכט די פינצטערניש דאָ טיילן.

און דורך רעגן־נעכט, דורך ווינט און דורך שטורעם
שוואַרצן זיי איבער גרענעצן, שלייכן זיי פאַרביי רואינען:
די מידע פלייצעס זייערע בויגן זיך פון שרעק און פון יסורים —
און זיי פאַרשווינדן מיט ערשטן שפּראָץ אויף באַגינען.

שפּעטער האַרבסט.
עס טריפט פון אַלץ דאָ בלוט און זשאַווער פון דיין וועלקן זיגל.
אויף הפקר וואַלגערט זיך דאָ האַב־און־גוטס פאַר מערדער, פאַר שענדער:
אַ זאַטע קראָ דוכנ'ט איבער חורבן מיט אויסגעשפּרייטע פליגל —
און פּליטים יאָגן זיך איבער פרעמדע, פיינטלעכע לענדער.

די טויטע שטאָט

אויסגעשטרעקטע ליגן אויף די גאַסן שורות הייזער
אין דער לענג און אין דער ברייט פון טויטער שטאָט:
עס הויערט תוהו־ובוהו, ווי פאַר די ששת ימי בראשית —
נאָר אָן דעם שוועבנדיקן גייסט פון גאָט.

ווי ס׳וואָלט קיין מענטשנס פוס דאָ קיינמאָל ניט געטראָטן —
פאַר מיילן, מיילן ווייט — בלויז קופּעס אַש און קופּעס מיסט:
אַ גרויער, צעריסענער הימל קוקט אַראָפּ דערשראָקן —
און הערט ווי ס׳רעדט זיך איבער דאָ דער חורבן מיט דער וויסט.

אַפילו הונגעריקע ראָבן קומען מער נישט זוכן דאָ קיין שפּייז,
זיי האָבן שוין לאַנג זייער רעכט געטאָן דער לעצטער נבילה:
און איצט באַגלייטן זיי שוין ווייטער דעם שונאס חייל,
און פלינדערן דעם איבערבלייב פון הפקרדיקער גזילה.

בלויז אַ ווייטער דונער פון האַרמאַטן שלאָגט נאָך אָפּ אַמאָל,
ווי אַ פיינלעך־פיינענדיקער גרוס, — אַ פייער־שריפט אין רויט:
עס צערענען סירענעס, און שטאָלענע היישעריקן עראָפּלאַנען
רעגענען מיט חורבן, מיט מגיפות, מיט רואינען און מיט טויט.

אַמאָל לאָזן זיי נאָך זיך ווי אַ זכר פון באַשאַף —
אָן אַלטן, אַלטן דעמב, צעלעכערט און פאַרברענט:
אויף אַש — בייזוואונדער און נס — אָן אַלטער ארון־קודש,
און אויף אים, אַנטקעגן הימל, צוויי דוכנדיקע הענט.

אַמאָל בלייבט שטאַרצן אָן איינציק־פאַרבליבענע וואַנט פון אַ קלויז —
מיט חופּה־שטאַנגען, מיט עטרות און מיט גירלאַנדעס פון כלות.
און אויף דער ערד אין שטויב, אין קויט און דורכגעווייקט אין בלוט —
וואַלגערט זיך פון קוילן דורכגעלעכערט אַ תכלתענער טלית.

די חיילות גייען ווייטער, און לאָזן הינטער זיך — צווישן ערד און הימל
אָן אימהדיקן תוהו, אָן דעם שוועבנדיקן גייסט פון גאָט:
בלויז אויף שפּיץ פון באַרג, ווי אַ מכשפה שטייט נאָך אַלץ די אַלטע מיל,
וואו דער ווינט — מאָלט קערנער וואַנזין — אין דריי פון פליגל־ראָד.

היינריך היינע אין פּאַריז

די לעבנלאנגע פריינטשאפט צווישן היינריך היינע און קארל מארקס איז נוט באקאנט צו יעדן איינעם, וואס האט ווען געלייענט זייערע ביאגראפיעס. דא ווערן געבראכט שורות פון פארשיידענע בריוו וואס היינע האט געשריבן צו מארקסן, און וואס צייכענען זיך אוים מיט פראפעטישער וויט־זעעוודיקייט:

„. . . איך בין ארומגערינגלט מיט שפיאנען. די לופט פון מיין גע־בורט־ארט ווערט מיט יעדן טאג אלץ מערער אומגעזונט פאר מיר . . . פונקט ווי עס זיינען פאראן פייגל וואס דערשפירן יעדע פיזיקאלישע רעוואלוציע, ווי א דונער־אויסבראך, א מבול, און אז. ווי אזוי זיינען פאראן מענטשן צו וועמען סאציאלע איבערקערענישן באווייזן זיך אין פאראוים מיט פאראלי־זירנדע, דערשיטערנדיקע און מיט מאדנע ווירקנדיקע סימפטאמען . . . כ׳האב אפט געהאט וויזיעס: וואלקנס האבן מיך געדריקט, און מיר אויסגע־זען ווי קאפערשטרויכן. כ׳האב אפטמאל געטראכט אז די זון איז א פרייסי־שע קאקארדע; בייגאכט פלעגט זיך מיר חלומען א מיאוסער שווארצער רויב־פויגל וואס האט געפרעסן מיין לעבער . . .“

מיין הויט איז געל ווי וואקס. כ׳ווער איינגעשרומפּן.
און יעדער טאָג שטראָפט מיט געליימטקייט מיר אַן אַנדער אבר:
אין בלי פון יאָרן שטעק איך אין דער פרעמד, אין קויט פון זומפּן,
און ס׳טרעפט מיך יעדער יאָר אַן אויסגעצייגענעם אויף מיין
„מאַטראַצן־קבר“.

אָ, אייביקע נאַכט, וואָס פאַרלעשסטו ניט דאָס לעצטע ביסל ליכט
אין מיינע אויגן,
וואָס זיינען שוין פון לאַנג, ווי פאָטער יצחק׳ס געשלאָגן מיט
שוואכער ראיה?
איך בין שוין מיד פון האָפן עס זאָל באַווייזן זיך דער רעגנבויגן
אין מיין „היימלאַנד“, וואו ס׳הענגט דער חלום פון פרייהייט
אויף אַ תליה.

אין שפּעטע נעכט, ווען ס׳נעמט נישט קיין שלאָף צו מיינע אויגן,
באַנעם איך אַ רויש פון ווייטע, בלינדע ציקלאָנען:
דער הימל ווערט אויך דאָ מיט קאַטאַסטראָפעס פאַרצויגן,
און שטערן וואַכן רויט מיט בראַנד, ווי אויגן פון שפּיאָנען.

דאָ פּילט זיך שוין דער סם פון נאַצישע מרגלים, און אַלעמען ווערט ניחא
דער „היום נאכל ונשתה" ווייל מאָרגן — וואָס איז מאָרגן ?
ס'איז נישט פּאַריז שוין מער, ס'איז שכם, עס איז יריחו —
נאָר ליכטיק לויכטן טעותן וואָס זיינען נאָך ביז היינט געווען פאַרבאָרגן!

איך פּויל דאָ אין דער פאַרלוירענער, אין דער פאַרשייטער שטאָט פּאַריז,
און מייסטרעווע די שפּראַך פון אַ שונא וואָס ברענט מיינע לידער
אויף אויטאָ־דאַ־פעען; און צעטרעט ווי שטויב אונטער די פיס —
דאָס לעבן פון מיינע הילפלאָזע שוועסטער און ברידער.

אין שפּעטע נעכט — ווען שאַרפע וויטיקן נעמען מיך אַרום ווי רינגען
גרייכן אַהער זייערע קולות אַריבער דער גרענעץ פון ימען.
איך הער פון מצרים אָן די שווערע קייטן זייערע קלינגען —
איך זע זיי גייען שטאָלץ מיט „שמע ישראל !" — אַנטקעגן די פלאַמען.

פון חרפּה רויטלט זיך פאַר זיי דער הימל אַ צעגליטער,
פון צאָרן ברעכט דער ים אויס אין אַ שטורעם.
און איך, וואָס ליג דאָ, אין דער שטאָט נגוה, צום בעט אַ צוגעשמידטער,
ווער נאָך איינגעשרומפּענער אַנטקעגן דעם שטאָלץ פון זייערע יסורים.

זייער גורל לויכט אין טיפער נאַכט, ווי טויזנט זונען,
נאָר נאַקעט וויינט מיין הארץ פון בושה און פאַרראַט:
אַ מאַרקס, ווי האָבן מיר געקאָנט פון אונדזערע געשלאָגנסטע אַנטרינען,
און אויסקויפן דעם פּדיון מיט טויף־וואַסער און שמד ?

די גרויסע שטראָף וועט אונדז אויך דאָ נישט מיידן.
די שטאָט ווערט שוין באַלאַגערט פון שונאס פינצטערע חיילות:
עס הייבט זיך אָן דאָס אַלטע ליד פון געטאָס און פון ליידן,
עס פאַנגט זיך אָן דאָס נייע ליד פון אַלטן, אַלטן גלות ! . . .

י. ל. פּרץ און באַנציע שוויג אין וואַרשעווער געטאָ

פּאַרנאַכט, ווען ס׳לעשן זיך די לעצטע שטראַלן
פון אַ שווינדזיכטיקער זון, וואָס האַלט ביים שטאַרבן;
ווען אַ שלאָפּע מידקייט הייבט־אָן צוצופאַלן
צו דער געטאָ־שטאָט — אַן אויסגעהוילטער שאַרבן.

ווען גרוי פון שאָטנס ווערן גרויער נאָך די שטונדן,
און דער אָטעם האַקט זיך איבער שנעל פון מורא;
ווען זונפאַרגאַנג בליט רויט, ווי בלוט־פלעקן אויף וואונדן,
און די לבנה געלבט, ווי פאַרמעט פון אַן אַלטער תורה.

ווייסט קיינער נישט פונוואַנען, נאָר אויף גאַסן
פול מיט טויטער שטילקייט לאָזן טריט זיך הערן:
י. ל. פּרץ שלייכט פאַרביי, און אין זיין בלאַסן
פּנים — צוויי אויגן לויכטן ליכטיק, ווי צוויי שטערן.

דערזעלבער שוואַרצער הוט מיט ברייטע ראַנדן —
זיצט ווי תמיד אויף זיין לייבנקאָפּ באַדעקט מיט שניי:
ער קומט איצט פון אַ ווייטער־ווייטער וועלט צו לאַנדן —
קוקט ער אויף זיין היים אַצינד מיט שרעק און ווייי.

ער קוקט, און זעט בלויז קופּעס אַש, — און דער אָרומעט —
איז ליים און ציגל; אויסגעצויגן ליגן שטוב און מויער;
שול און הקדש; און איבער אַלץ אַ וויסטער אומעט,
און איבער אַלץ אַ וויסטער טרויער.

אָט־דאָ באַדאַרפט וואָלט זיין די טוואַרדע, קראַכמאַלנע, דער גאָרטן
וואָס ער פלעגט מעסטן יעדן טאָג אויף זיין שפּאַציר:
אַ טריבע, ווילדע בלום גויסעט דאָ און דאָרטן —
און פון דערקענטשאַפט וויינט די ערד פון זיין באַריר.

נאָר פלוצים לויפט פאַרביי אַן עדה יידן —
מיט געלע לאַטעס און מיט אויגן שטומע:
אַ וויפל צער עס וויינט אַראָפּ פון זייערע קעפּ די מידע,
אַ וויפל טרויער הענגט אַראָפּ פון זייערע רוקנס קרומע!

זיי יאָגן זיך פאַרביי — סטאַדעס שטומע פּי,
און קוקן שטאַר מיט מורא און פאַרדאַכט:
(אַ מענטש וואָס טראָגט קיין געלע לאַטע איז נישט פון הי!)
ביז ס׳שלינגט זיי איין אַ טיפע, וואַנזיניקע נאַכט.

פּרץ מאַטערט זיך דאָס רעטעניש פון אָרט און צייט צו לייזן,
ביז אין טיפן טרויער טוט ער זיך פּלוצים אַ דערמאָן —
געווען אַמאָל דריי אַדלערס יונגע: באַמבערג, אַש און רייזען,
און וואו איז דאָ אַהינגעקומען דער גוטער דינעזאָן? . . .

מיר האָבן אַלע דאָ געטרוימט אַ טרוים אַ גרויסן,
מיר האָבן אַלע דאָ אַ קייט אַ גאָלדענע געשמידט;
איצט שטיי איך דאָ אַליין אין יאָמערטאָל, וואו ביטער וויינט
דער דרויסן —
אויף די „עצמות היבשות״, און ס׳רירט זיך נישט קיין גליד!

וואָס פאַר אַ יאָרהונדערט איז דאָס? וואָס פאַר אַ מדינה?
טיטוס? טאָרקוועמאַדאָ? ת״ח? צי אפשר גאָר מצרים?
אַ ווינט נעמט רייסן ביז זיין פעלערינע —
און אַ זאַטע קראָ צעקראַקעט זיך, און פליט פאַרביי אים.

שפּאַנט פּרץ ווייטער, אויפן וועג צו דער קהילה,
וואו געווען איז ער אַ לעבנלאַנג אַ פּועל־יום, אַ שרייבער;
אויף אַ קופּע אַש טרעפט ער מורמלען תהילים —
מיט קול, מיט ציטערדיקן — זיין באַנצע שווייגער.

באַנציע דערקענט באַלד זיין באַשעפער, און לויפט אים שנעל אַנטקעגן,
און שטרעקט אים אויס אַ האַנט אין שטומען דרך־ארץ:
און ס׳ענטפערן צוויי אויגן אויף וואָס צוויי אויגן פרעגן —
באַנציע שווייגט ווי תמיד, דאָך הערט די נאַכט און פּרץ:

שלאַכטן; געטאָס; קאַלכאויוונס; גאַזן; שריפות:
שוידערשיין פון סוואַסטיקאַס; (און ביידע פיבערן פון קעלט!)
פאַרשטיקטער שלוכץ: פאַרצווייפלטער געשריי: פאַרשאָלטענע
ירושה פון מגיפות;
און ס׳ברענט דער ייד אויף אַלע שייטערהויפנס פון דער וועלט!

באַנציע שטעלט אַ טראַט, און פרץ גייט אים נאָך,
אויף הימל שוואַרץ, ווי טינט — אַ וואָלקנדל אַ ריינס —
שיפּט זיך איבער ימים פון אומגליק און פון בראָך,
ביז באַנציע שטעלט זיך אָפּ ביי צעגליאַנע נומער איינס.

פון הויז, פון חרובן, פאַרבליבן איז איין שטיין,
אויף שטיין, אויף נאַקעטן, פאַלט באַנציע באַלד אַוועק:
די שטילקייט פון דער נאַכט יאָמערט מיט געוויין —
און פרץ הערט זיך איין מיט ווייטיק און מיט שרעק.

ווייזט מיט אַ פינגער באַנציע: — אַט־דאָ האָסטו געוואוינט,
אַט־דאָ האָסטו דיין קייט, די גאָלדענע געשמידט!
אויך מיך האָסטו באַשאַפן דאָ, נאָר איצט קריגסטו באַלוינט —
איך בין דעם רום דיר מוחל! דעם גאַנצן רום־יאַריד!

כ׳וויל איצט פון זיך אַרויסשרייען אַלע יאָרן שווייגן,
כ׳וויל דו זאָלסט אַ צונג, זאָלסט איצט מיר לשון גיבן!
איך האָב אַ לעבן אָפּגעשוויגן, און ווען פריי געלאָזט פון שטייגן —
האָבן אויך די חיות אויסגעמיטן מיך, און איך בין דאָ פאַרבליבן — —

צו זיין אַן עדות, ווי ס׳האָט די וועלט געשוויגן, ווי געשוויגן
ס׳האָט דער בורא
ווען מ׳האָט אונדזער שטאַם געקאָסעט — קינד און קייט,
דעם אביון ווי דעם עושר!
— באַשאַפער מיינער, רוף אויפסניי די גאַנצע וועלט צו אַ דין־תורה,
נאָר לאָז מיך, דעם אייביקן שוויגער, זיין אַצינד זייער מליץ יושר!...

לאָז מיך אויפעפענען די אייביק־פאַרשלאָסענע ליפּן,
וואָס זיינען אַ לעבנלאַנג געווען מיט שווייגעניש פאַרזיגלט!
לאָז מיך אויפפּראַלן דאָס האַרץ, וואָס האָט אַ לעבנלאַנג געכליפּעט
אין שווייגעניש — אויף טויזנט ריגלען פעסט פאַרריגלט!...

זיין יאָמער שטייגט, און גייט אַריבער אין אַ ווילדן וואָיען,
זיין קול שלאָגט־אָפּ אַצינד ווי וואָלף־און־טויב געברום.
ביז דער מאָרגן נעמט זיך צינדן מיט פיבערשן שגעון —
און פרץ יאָמערט און באַנציע יאָמערט — און ס׳גליווערט דער אַרום.

איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה . . .
הזאת העיר שיאמרו כלילת יופי משוש לכל הארץ . . .
צוויי יידן שאָקלען זיךביים שיין פון אַן אויסגייענדיקער לבנה,
פון גאַנצער שטאָט געבליבן זיינען באַנציע און י. ל. פרץ.
— — — — — — — — — — —

ביז אין מזרח שפּראָצט אויף טאָג, און פרעך מיט דעם באַגינען —
גייט ווידער אויף די זון, אומפאַרשעמט און ניכטער;
און אויך אומפאַרשעמט אַ וואָכן, און נישט־גערירט פון זינען,
געטראָפן האָט זי שרייבן דאָס — אַ יידישן דיכטער! . . .

נעמען און דאַטעס

א.

אַ נאָמען ברענגט פרייד, און ברענגט טרערן,
און קאָן פרייליגנדיק שמייכלען, ווי בעז:
אַ נאָמען קאָן אויפגיין ווי שטערן —
און לויכטן אַזוי ווי אַ נס.

אַ נאָמען קאָן גליען אין צער —
מיט מוט און מיט גלויבן צעברויזט:
אַ נאָמען קאָן דראָען ווי גזר —
ווי קרייץ און ווי האַק און ווי פויסט.

ב.

פאַראַנען נעמען —
וואָס פאַרשעמען.
זיי דריקן דיך צו דרערד אַראָפּ.
ביים דערמאָנען זיך אין זיי —
וואָלסטו זיך אָנגעטאָן אין שמאַטעס,
און מיט אַש באַשאָטן זיך דעם קאָפּ.

און נעמען זיינען דאָ —
דו וואָלסט אַ לעבנלאַנג זיי הערן:
אין דער שווערסטער שעה —
ווערט גרינג מיט זיי —
נאָך גרינגער ווי נאָך טרערן.

ג.

פאַראַנען דאַטעס אין געשיכטע — וואָס מעלדן
זייער ליכטיקן געבאָט, ווי מעטעאָרן!
מיט זיי איז גוט, ווי מיט באַליבטע העלדן —
וואָס ווערן ליבער נאָך מיט לויף פון יאָרן.

טיף אין האַרצן, ווי אויף אַ לוח די דערמאָנונג —
זינגט אַ פרייד צום צייכן פון דעם ציפער:
גרויער טאָג ווערט דעמאָלט גאָלדענער פון האָניק,
און פון דער נאַכט נעמט אָטעמען אַ זין, אַ טיפער.

אָ נעמען ליכטיקע, אָ פלאַמענדיקע דאַטעס,
אויף וועגן פינצטערע פון פינצטערער געשיכטע,
איר לויכט פלוצים אויף, ווי שטערן אומגעריכטע,
מיט טרייסט פאַר די וואָס שמאַכטן הינטער גראַטעס.

אָ וועגווייזער, איר מוטיקע, אייביק ווי געבאָטן —
לויכטן אייערע טאָטן דורך לייד און דורך נויט:
וואו איר האָט נאָר דורכגעשוועבט, וואו איר האָט געטראָטן —
בליט אייער טויט אין אייער לעבן, און אייער לעבן אין אייער טויט!..

בלויע שטערן-פּאַנעז אין די שויבן

טרויעריקער פון אַלע טרויעריקע הייזער אויף מיין גאַס
זיינען איצט די הייזער מיט בלויע שטערן־פּאַנעז אין די שויבן:
פרימאָרגנס, ווען די הייזער אויף מיין גאַס עפענען ערשט
פאַרשלאָפענע די אויגן,
שטייען שוין מאַמעס אין די פענצטער — פאַרזאָרגטע טויבן,
און קאָנען זיך אויף די בריוועטרעגער — ניט דערוואַרטן.

דאָס עסן אויפן טיש איז ניט באַרירט. טרוקן איז דער גומען.
נאָר די אויגן פייכט און רויט פון ניט־שלאָפן און פון טרערן:
— אַ זין פאַרוואָגלטע אויף אַלע ימים, אויסגעשטעלטע צו סכנות
אויף אַלע מלחמה־פראָנטן, זאָל גאָט די תפילות אונדזערע דערהערן,
און אויף אונדז, און אויף אייערע יונגע יאָרן האָבן רחמנות! . . .

פון אַלע עקן וועלט קומען בריוו פאַרזיגלטע, פאַרזיגלטע גורלות,
און ס׳ציטערן די הענט ביים לייענען דאָס היימישע, דאָס גלעטנדיקע
כתב:
די זיכערקייט פון צאַרטע ווערטער טוט־אָפּ, ווי כישוף, די דריקנדיקע
לאַסט;
ס׳גייט־אָפּ אין פּלוצימדיקער וואַרעמקייט דאָס אין ווייטיק־פאַרלאָפענע
האַרץ,
און טאָג־פליכטן פאַרטויבן ווידער מיט זייער וואָכעדיק געלאַף.

און דורך טעג ביי שווערער אַרבעט, פאַרזונקענע אין זאָרג,
פאַרטרייבן פון זיך טאַטעס — מחשבות — ווי זלידנע פליגן:
דער טויש פון טעג געוואָרן איז אַ רויטער שניט פון צייט,
אַהיים־צו־וועגס, פאַרנאַכט, לייענט מען נעמען פון העלדן, פון זיגן,
און ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ און קלאַפּט, — ס׳זאָל נאָר די שעה ניט זיין!...

ביים איבערטרעטן די שוועל פון הויז פאַררעדט מען זיך אַליין,
מען רעדט פון ווייטע, פרעמדע זאַכן, און דאָס נאָענטסטע מיידט מען
אויס;
אומהיימלעכע פאַלן־צו די אָוונטן, און זוימען גרוי אַרום די בילדער
אויף די ווענט;
פאַררוויכערט מען, מען לענט־אָן דעם קאָפּ אין פענצטער אויף די מידע
הענט;
מען שווייגט, און מען קוקט מיט טרויער אויף די קינדערלעך
וואָס שפּילן זיך פאַרן הויז.

פאַרן שלאָפן שאַרט זיך די מאַמע אַריין אין דעם שטילן, זייטיקן צימער.
בלייבט שטיין; און קוקט און קוקט, און רירט זיך נישט פון אָרט:
זי מורמעלט עפּעס לאַנג און שטיל, און גלעט דאָס תמיד ליידיקע
פאַרבעטע בעט;
ביז עמיץ טוט אין שלאָף אַ שוידער, און ס׳צעקרעכצט זיך אונטער אים
דאָס אַלטע בעט,
און ס׳נעמט רופן אין דער נאַכט דעם טאַטנס קול: — וואו ביזטו, וואו?
ס׳איז שפּעט! ...

דער זייגער טיקט און טיקט, און ציילט די טראָפּנס פון אייביק־
פליסנדיקער צייט;
דורך די פענצטער קוקט אַריין פאַרגאַפט אַ שפּעטע, שטילע נאַכט:
אין הימל בלייכן־זיך פאַרטרוילעך ווייטע, פייערדיקע טרויבן,
און טרויעריקער פון אַלע טרויעריקע הייזער אויף מיין גאַס —
זיינען איצט די הייזער מיט בלויע שטערן־פאַנען אין די שויבן.

אויף מיין גאַס

צו שפּעט געקומען איז דער פרילינג היינטיקס יאָר,
און פרי האָט זיך דער זומער אָפּגעטראָגן.
איצט איז האַרבסט. שפּעטער, טרויעריקער האַרבסט.
און מיט די קראַנקהאַפטע פאַרטאָגן
שלייכן זיך פאַרביי מיין גאַס זקנים און זקנות —
אויפן וועג צום קליינעם שולעכל ביים פּאַרק.

מיט ציטערדיקע טריט באַטרעטן זיי די טרעפּ, די שוועלן,
און שטעלן זיך אַוועק דאָרט קלאָגן אויף גאָטס צאָרן
וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם פאָלק ישראל.

ווי קיינמאָל פריער לויכט מיט אַ ניט־דאָאיקן כישוף
יעדע שטאָט און שטעטל, יעדע שול און הקדש,
יעדער נאָמען פון יעדן אָפּגעווישטן יידישן ישוב —
וואָס דער שונא האָט פאַרגאַזט און אומגעבראַכט!

פרימאָרגן־שאָטנס ליכטיקע געהיימע,
און אויף קראַנקע אַקסלען פאַלט אַן אימה —
פון אַ דור־דורות הייליקער ירושה,
און איבער דער גאַס צעטראָגט זיך אַ יאָמער און געוויין!...

— וואו נעמט מען אַ פּנקס־שרייבער
אַן אַ מינדסטן שמץ הארץ — און אַן אַ מינדסטן שמץ בושה —
וואָס זאָל לדור־דורות פאַרשרייבן נישט נאָר די מיליאָנען מיתות,
נאָר די גרוילן — און די ביזוויליקע רשעות —
ווי דער שונא האָט באַליידיקט, געפּייניקט און צו שאַנד געמאַכט
דיין פאָלק ישראל, ביז דער טויט האָט זיי פון גיהנום אויסגעלייזט!...

דער האַרבסט קוקט אריין אין שולעכל דורך די פאַרנעפּלטע שויבן,
און שלאָגט זיך אָפּ אין פאַרמעט פון יאושפולע פּנימער,
און אין טרויער פון רויט־פאַרלאָפענע אויגן:
— אַ גאָט פון צבאות, פאַרנעם אונדזער געוויין,
הער דאָס קול פון אונדזערע געשרייען,
זאָל דאָס בייז פון די רשעים שוין זיך ענדיקן!
פאַרנעם דעם צער פון אונדזער רוף,
דעם גרויל פון אונדזערע שרעקן!

זייערע בליצן האָבן אונדזערע פרידלעכע הייזער געטראָפן.
זיי האָבן געפּייניקט אונדזער זעל און געפּייניקט אונדזער גוף!
הפקר זיינען מיר איבער גאָר דער וועלט געלאָפן —
און אומעטום פאַרזייט די ערד מיט אונדזערע קדושים:
די טויטע לייבער פון מאַנסבילן האָבן זיי פאַר די רויבפייגל געלאָזט,
און פרויען און קינדער צו דער חיה פון דער ערד!...

אָ גאָט פון צבאות, ווען וועסטו אָ משפט טאָן אויף די נאָכיאָגער
וואָס האָבן אויף אונדז געצויגן די שווערד?...
פאַרוואָר, די ערד איז פול מיט זינד און פול מיט שלעכטס,
און ס׳איז דעם מענטשנס האַרץ פאַרדאָרבן זינט דעם טאָג פון זיין
געבוירן!
נאָר גאָט, קענסטו ניט געפינען אין דעמדאָזיקן דור קיין איין גערעכטן,
ווי אַמאָל אין נחן?

עס ציטערן די גרונטפעסטן! גאַז־וואָלקנס נעפּלען מיט חניקהדיקע רויכן.
עס מבולט שוין צען מאָל פערציק טעג און צען מאָל פערציק נעכט!
די וועלט — די דולע תבה וואַקלט זיך שוין, פון תוהו־ובוהיקן געפּעכט!
מיט כוואַליעס זינד און רשעות איז פאַרפלייצט דאָס פּנים פון דער ערד.
און די לעצטע טויב וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט האָט זיך ניט
צוריקגעקערט!

צי האָסטו, גאָט, פאַרגעסן אין דיין צוזאָג קיין מבול מער צו ברענגען?
ריכט אונדז אויף, איידער עס ווערט שפּעט דיין רעגנבויגן
אַרויסצוהענגען!...
אָ גאָט פון צבאות, דערהויב זיך אין דיין כעס,
גיס אויס דיין גרימצאָרן אויף די רשעים און אויף די שונאים,
וואָס האָבן ווידערשפּעניקט, און צו שאַנד געמאַכט דיין פאָלק ישראל!
געדענק דעם צוזאָג און דעם בונד וואָס דו האָסט מיט אונדז געשלאָסן,
און ריכט אויף פון זינד און שלעכטס די וועלט — די בוינע!

מאַך אונדז נישט צו שאַנד מער!
דערלייז אונדז פון אַלע יסורים און פאַרדראָסן,
און גיב נישט איבער מער דיינע וויניק־פאַרבליבענע קינדער פון ישראל
אין די הענט פון שונא!
— יעלה תחנונו!...

פאַרשטיקטע, שלוכצנדיקע קולות טענהן זיך אויס מיט דעם כביכול,
און גייען אויס פאַרחלשטע אין קלאָגן און געוויינען,
ביז אַ קאַלטער האַרבסט־פאַרנאַכט האָט מיט אַ נעפּל פאַרצויגן
די פאַרהויכטע שויבן פון דעם שולעכל אויף מיין גאַס,
און שלאָגט זיך אָפּ אין פאַרמעט פון אויסגעצערטע, פאַסטנדיקע פנימער,
און אין טרויער פון רויט־פאַרלאָפענע שטאַרע אויגן!...

היים מיינע, ליפּקאָן

איך שפּעטע נעכט פון פינצטערן געדענקען —
וואַכט טונקל, ווי אַ לאָמפּ, מיין פאַראַבלטער זכרון:
איך האָב אַ טעות געהאַט, אַז כ׳וועל שוין מער ניט בענקען
נאָך דיר, ליפּקאַן, היים מיינע, פון מיינע קינדער־יאָרן.

איך האָב אַ טעות געהאַט — „אַז ס׳וועט מיין שטאָם געפינען
רו ביי דיר, און אַז הייליקער וועט נאָך דיין ערד מיר ווערן!״
אַז איך וועל דאָ ביז לעצטן אָטעם שפּינען —
אויף פרייער ערד — דאָס פרייע ליד פון מענטש, און זון, און שטערן.

כ׳האָב נישט געאַנט,
אַז ס׳וועלן איבער דיר זיך טראָגן אוראַגאַנען,
און אַז אַנשטיין וועט אַזאַ מין הפקרדיק געוויטער!
כ׳האָב נישט געגלויבט —
אַז ס׳איז נאָך אַזויפיל רשעות אויף דער וועלט פאַראַנען,
און אַז מיין שטאָם וועט ווידער זיין צו רויב, אַליין, און אָן אַ היטער!

אַז גלייכגילטיק, ווי אַ פאַרשטיינטע, וועט די וועלט פאַרבלייבן
צו דעם געוויין און צו דעם יאָמער פון דיין עמק־הבכא:
אַז זיין וועט בלויז אַ ווינט — אַ דולער מחבר —
וואָס זאָל מיט זיין געוואָי באַשרייבן
דעם געטאָ־גיהנום און די פינצטערע מערכה.

— אַז ס׳וועט דיך טרעפן אַזויפיל צער, אַזויפיל צאָרן,
אַז ס׳וועט דיין אומגליק אויך אַהער מיך גרייכן:
אַז ס׳וועט דיין וויי־געשריי — וועלדער־הענט — זיך שטרעקן איבער ימען:

אַז ס׳וועלן ציען זיך צו אַלע טויבע הייכן
פון קרעמאַטאָריעס און גאַז־אויוונס — זיילן רויכן,
ווי פון אוראַלטע שייטערס — די אויטאָ־דאַ־פעאישע פלאַמען!

נאָר ס'האָט אייער אומגליק מיך אויך דאָ געטראָפן.
ס'איז אויך אַהער אייער בראָך צו מיר דערגאַנגען:
איך בין נעכט אויף קישנס ווי אויף שטיינער דאָ געשלאָפן,
און ס'האָבן טעג געפּלאָגט מיך — ווי אייך די עקדעשן און שלאַנגען.

איצט האָט גענומען ציען מיך צו ווייטסטע שטאַמען.
ס'איז מיר נאָענט געוואָרן יעדער אומבאַקאַנטסטער ייד
און יעדער ווייטסטער קרוב.
איך וואָלט אַצינד מיט זיי פאַרזוכט פון אַלע סמען —
פאַר אַלע אויסגעטראַכטע שולדן —
זיין ווי זיי אויך ערוב.

דאָס פרישסטע וואַסער קאָן אַצינד מיין דאָרשט ניט שטילן.
דאָס זעטנדיקסטע ברויט איז איצט געוואָרן ביטער אויף מיין גומען.
און דאָס געגאַרטע גאולה־ליד פון פרייד פאַרשאָלטן איז צום שטומען:

מיט יעדן טאָג מערן זיך די אומגליק־בשורות.
יעדער טאָג כפלט די גרויליקע פאַרראַטן.
די צייט מאָנט גרויסע, גרויסע און וואַגנדיקע טאַטן,
נאָר די וועלט פאַרלירט אַלץ מער איר צורת־פּנים,
און אונדזערע מליץ־יושרס ווערן קלענער, קלענער,
— קליינלעכע, פּחדנישע שתדלנים!

אין מיין זכרון לעבן־אויף שוין לאַנג־פאַרגעסענע געשטאַלטן:
פון בית־עלמינדיקע געטאָס — שוועסטער, ברודער, מאַמע, טאַטע.
איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף מיט צעשראָקענע געוואַלדן,
און כ'וואָלט אַדאָ אַליין אויף זיך אַרויסגעקלעפּט אַ געלע לאַטע!

און זאָל דער שאַנד־צייכן דאָ רייסן יעדן איינעמס אויגן.
און זאָל די אומרעכט אין יעדן איינעמס אויערן שרייען,
אַז גרייכן זאָל זי די, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געגעבן זויגן
די ברוסט פון אידנהאַס צו יעדן אויסוואורף,
און אויסגעשטרעקט אַ ברודער־האַנט צו יעדן קין! ...

אין שפּעטע נעכט פון פינצטערן געדענקען
וואַכט טונקל, ווי אַ לאָמפּ, מיין פאַראָבלטער זכרון:
איך האָב אַ טעות געהאַט, אַז כ׳וועל שוין מער ניט בענקען
נאָך דיר, ליפּקאַן, היים מיינע, פון מיינע קינדער־יאָרן.

כ׳האָב נישט געאַנט,
אַז ס׳וועלן איבער דיר זיך טראָגן אוראַגאַנען.
כ׳האָב נישט געגלויבט,
אַז ס׳איז נאָך אַזויפיל רשעות אויף דער וועלט פאַראַנען,
און אַז מיין שטאָם וועט ווידער זיין צו רויב, אַליין, און אָן אַ היטער!

און וואָס אַז דער טאָג פון רעכנשאַפט וועט קומען!
— פאַר וועמען?
— פאַר וועמען?
און וואָס אַז דער יום־הדין וועט מיט צאָרן זיך צעברומען?
און וואָס אַז די גערעכטיקייט וועט זיך אַמאָל אין אייך דערמאָנען?
— ס׳איז באַלד נישטאָ ווער ס׳זאָל דעם חוב פון אייער פאַרגיטיקונג
אויפמאָנען!
— דעם חשבון פאַר אַלע אייערע מסירת־נפשן און פאַר אַלע אייערע
קידוש־השמ׳ען!

איר האָט אַלץ געשטעלט אין קאָן! איר האָט אַלץ געבראַכט צושטייער!
ליפּקאַן, היים מיינע,
דו ביזט איין נאָמען בלויז פון אַזויפיל געהייליקטע נעמען
פון יידישע שטעט און שטעטלעך — וואָס דער שונא האָט אָוועקגעלאָזט
מיט פייער!

אַ יידישע שטעט און שטעטלעך, ווער קאָן אייך אַלע דאָ דערמאָנען ?
ווער קאָן אייך אַלע דאָ באַקלאָגן ?
אייערע נעמען זיינען איצט צווישן די נעמען וואָס מיר טראָגן
אין אונדזער דערנער־קרוין זייט דור־דורות !

ווער קאָן אויסרעכענען אַלע שחיטות, פּאָגראָמען, נגישות,
די גאַנצע בייזוויליקע רשעות,
און גאָר די קדושה פון אַלע פאַרשוועכטע ספר־תורות ? !
— צייל איבער דאָס זאַמד ביים ים ! צייל איבער אין הימל די שטערן!...
„מי יתן ראשי מים”, —איך וואָלט טאָג און נאַכט פאַרגאָסן טרערן !...
— — — — — — — — — — —

איצט איז שפּעטע נאַכט אין חודש ניסן. אין יאָר תש״ד.
ס׳איז ווידער פרילינג. די ווערבעס נעמען ווידער גרינען.
קנאָספּן פּלאַצן שוין, און סע גרינט שוין בלאַט נאָך בלאַט.
נאָר איך זיץ דאָ אַן אָבל,
ביי די ברעגן פון האָדסאָן,
ווי מיינע אור־אור־אבות ביי די טייכן פון בבל.
איינער פון דער קליינער שארית הפּליטה.
— אין וועמענס זכות ?
— וועמעס השגחה ?
— וועמעס רצון ?
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

שטערן נעמען לעשן זיך. די נאַכט איז שוין פאַרגאַנגען.
ביי די וואַסערן פון האָדסאָן האָב איך מיין האַרף היינט אויפגעהאַנגען!...

ווי יעדן פרייטיק

ער איז דעם פרייטיק ווי יעדן פרייטיק
פון אונטער די טרעפ פון באַד אַרויסגעקראָכן:
און געקוקט אויף שטאָט פול חורבות, און נישט דערקאָנט
צי ס'איז ערב שבת, צי ס'איז אינדערוואָכן.

נאָר לויט דעם הונגער האָט ער דעמזעלבן וועג גענומען,
וואָס ער איז איין מאָל אַ וואָך — אַ לעבנלאַנג דאָ אָפּגעגאַנגען:
וואו־ניט־וואו האָט פונדערווייטנס, פון אַ הויז אַ פּוסטער
אַ ווינט באַגריסט אים דורך אַ פענצטער, מיט פלאַטערדיקע פאָרהאַנגען.

אַ באָרוועסער, ווי משה אין דער מדבר האָט געגענט צום סנה,
האָט ער געגענט צו אַ שוועל, און ווי יעדן פרייטיק דאָרט געשטאַנען:
— נאָר קיינער האָט אים ניט קיין חלה היינט אַרויסגעטראָגן —
איז ער אין שטוין און שרעק אַוועק פון דאַנען.

וואו־ניט־וואו האָט פון אַ פאַרברענטן הויז אַרויסגעשטאַרצט אַ קוימען,
ווי אַ מצבה אויף אַן אַלטן פאַרוואָרלאָזטן בית־עולם:
אַ האַלב־צעבראָכענער צלם האָט געבאָמבלט זיך אויף שפּיץ
פון קלויסטער,
און אַן אַ צונג האָט זיך געוויגט אַ דולער גלאָק, ווי אַ גולם.

אויפן וועג איז ער פאַרבייגעלאָפן קופּעס אַש,ביימער —
מיט די וואָרצלען אַרויסגעריסן, און אויסגעצויגן ווי די ריזן:
ביז ער איז אויף אַ נייער שוועל געשטאַנען מיט שטומער
אויסגעשטרעקטער האַנט,
און ווידער האָט זיך אויף דער שוועל פון נייער טיר קיין נפש
נישט באַוויזן!

פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געצויגן מיילן וויסטעניש נאָך וויסטעניש,
— איז ער, דער שטאָט־משוגענער, אין גאַנצער וויסטעניש אַליין דאָ
בלויז פאַרבליבן?!
אַפילו קיין הונט — פון די טשאַטעס וואָס ער פלעגט טיילן יעדן פרייטיק
שטיקער חלה פון די קעשענעס — קיין איינער איז פון זיי דאָ נישט
געבליבן!

אַ גאַנצן טאָג האָט ער די טויטע שטאָט געמאָסטן, מיט שטוין און שרעק,
און חוץ די חורבות נישט געטראָפן קיין זכר פון קיין מענטשן:
און ווען דין און גרוי האָט די נאַכט גענומען שאָטנס שפּרייטן —
איז קיינער, קיינער נישט געווען דאָ ליכט צו בענטשן!

איז ער ווייטער אַליין אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען און געגאַנגען,
די נאַכט האָט מיט הונגער און מיט פינצטערניש געצונדן זיינע אויגן:
ביז ער איז פאַרביי אַן אַלט־פאַרברענטע חורבה, און לויט די שטענדערס
דערקאָנט די הויכע שול, און אויף אַ שטענדער שטיל זיך אויסגעצויגן.

ער איז פאַרגאַנגען זיך אין וואָיען, ווי אַ הונט אויף אַ יאַריד,
וואָס יאָמערט אין פאַרלוירנקייט אין ווייטער־ווייטער פרעמד:
פון צווישן וואָלקנס האָט אויף אַ רגע באַוויזן זיך אַ שפּעטע לבנה —
און ווידער באַהאַלטן דאָס פּנים אין הימל, — אַ פּנים אי בלאַס,
אי פאַרשעמט.

בלויז ווי תמיד האָט די צייט געמאָסטן רעגלמעסיק אירע שעהן.
דער טאָג איז אַוועק. די נאַכט איז פאַראיבער. ס'האָט קילער דעמער זיך
געגומען שפרייטן:
און ווי צוגעשמידט צום שטענדער האָט דער פאַרבליבענער געיאָמערט,
געקלאָגט אויף אַ קול: — זאָל משיח זיך אַ ריס טון פון די קייטן! . . .

אין שפּיגל

אַ גאַנצע, לאַנגע נאַכט איז ער געלעגן
מיט אויגן ברייט־צעעפנט און נישט־געשלאָפן:
מיט טאָג צוגלייך איז ער אין גאַס אַרויס —
און קיינעם, קיינעם אויף דער גאַס נישט אָנגעטראָפן.

שעהן־לאַנג איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען,
און קיין אָטעם נישט פאַרנומען דאָ פון מענטש און חיה.
בלויז שורות פוסטע מויערן, ווי איינגעבויגענע מצבות,
אין שטומען טרויער אויף זייער אייגענער לוויה.

אַמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עמיץ קומט פונוויטן,
אַ געשטאַלט געזעגנט, און איז פּלוצים נישט געוואָרן:
האָט ער זיך אַרומגעקוקט, און ווייטער געגאַנגען,
און מיט שרעק באַטראַכט די היים פון זיינע קינדער־יאָרן.

לאַנג האָט ער אַזוי די טויטע שטאָט געמאָסטן,
מיט אַ האַרץ אי שווער, אי פול פאַרדראָסן:
פון גאַס צו גאַס איז ער געגאַנגען פריינט אויפזוכן —
נאָר אומעטום האָט ער געטראָפן טיר און טויער פאַרשלאָסן.

אין שרעק האָט ער גענומען רופן אויף אַ קול —
אי ווייטע פריינט, אי נאָענטע שכנים:
ער האָט אין שרעק גערופן, גערופן, גערופן,
און קיין ענטפער נישט געהערט פון קיינעם, פון קיינעם, פון קיינעם.

האָט ער ווייטער וואַנדערן געלאָזט זיך,
ביז ער איז צו אייגן הויז צוגעקומען.
צוקנדיקע שלייפן: קאַלטע טראָפּנס שווייס אויף שטערן:
און אַ מדברדיקער גומען.

אין שרעק האָט ער אַצינד גענומען ווידער רופן
נעמען פון אייגענע, ווי שטילע, הייליקע שפּרוכן:
ביז זיין הויז האָט זיך אַריינגערוקט צווישן די שורות הייזער,
און ער האָט אין פאַרלוירנקייט זיך אַליין גענומען דאָרטן זוכן.

די פוסטקייט האָט געיאָמערט אין דעם הויז — אויף טויזנט קולות,
אין זיבן פענצטער פאַרגאַנגען זיינען זיבן שוואַרצע זונען :
טיף אין אים איז אַ בלינדע פינצטערניש — פאַריתומט אַרומגעקראָכן,
און ער האָט זיך אַליין געזוכט, געזוכט, און נישט געפונען.

ביז פלוצים איז דאָס גאַנצע הויז געוואָרן אַ קלאָרער שפּיגל,
וואוהין ער האָט אַריינגעקוקט, מיט בריים־פאַרצוקטע אויגן :
צום ערשטן מאָל דערזען זיך — ווי מען זעט אַ פרעמדן,
ווייל אויך ער אַליין איז לאַנג, שוין לאַנג פון דאָרט אַוועקגעפלויגן.

געבליבן איז פון אים דאָ בלויז אַ פרעמדער שאָטן אין אַ שפּיגל,
אַ שאָטן, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען טראָט נאָך טראָט :
איצטער האָט דער פרעמדער — נאָך אים ליכט געצונדן, געריסן קריעה,
דער איינציק לעבעדיק פאַרבליבענער, — אין דער טויטער שטאָט ! . . .

ווען אַלע ווערטער שטומען

קום שוין, קום שוין, שלאָף:
אַלע ווערטער שטומען:
כ׳בין מיד פון שולד און שטראָף —
און כ׳וואַרט אַלץ אויף דיין קומען.

די טעג אַ לאַנגע ריי
פון שוידער און פון גרוילן:
דער קאָפּ איז קאַלט, ווי שניי,
דאָס האַרץ איז הייס, ווי קוילן.

נאָר נעכט, די נעכט, אָ נעכט!
— זיי האַלטן מיך געפאַנגען:
און יעדער אָטעם שטעכט —
ווי גיפט פון בייזע שלאַנגען.

די צייט שטעלט אָפּ איר פלוס,
פאַרגליווערט גלאָצט דער זייגער:
און ס׳נעמט מיך אין רשות
באַלד איבער דער קטיגור.

ער וואַרפט מיר שולד און שטראָף,
ווי קויל נאָך קויל אין גליען:
די נאַכט ציט זיך אָן סוף —
וועט זי זיך אייביק ציען?

אָ אייביק־גוטער שלאָף,
וואָס לייגסטו אָפּ דיין קומען.
— כ׳בין מיד פון שולד און שטראָף —
און אַלע ווערטער שטומען!

נאַכטיקער כאַר

. . . פאַרטרייב דיין יורש.
נעם דיין לעצטן קדיש און פאַרשטויס.
. . . אין פאַרשפּינוועבטן דרימל פון נאַכטיקן כאַר,
חלומען די פאַרבלייבער פון אַ לעצטן דור.
(יעקב גלאַטשטיין: „אַ וואָרט אין מויל")

דו דאַרפסט דיין יורש ניט פאַרטרייבן,
דיין לעצטן קדיש ניט פאַרשטויסן:
דיין ליד וועט סיי־ווי עלנט בלייבן,
און נישט געטרייסט אין בראָך, אין גרויסן,
ווען סטו ווי פריער אויך פאַרבלייבן.

דער יורש און דער לעצטער קדיש
דערווייטערט זיינען און פאַרפרעמדט:
און דיין טרויער, ווי באַלאַדיש —
גרייכט זיי ניט און בלייבט פאַרשעמט.
— וואָס ביזטו פאַר זיי מחדש?

וואָס איז אייגנס? וואָרט אין מויל!
נאָרווידערהאַלט פון פּאַפּוגאַיען —
סיי דיין בעטן, סיי דיין שרייען,
סיי דיין פרייד און סיי דיין גרויל,
— דורכגעברענטע אַש און קויל.

אָן אַ יורש, אָן אַ קדיש,
אַקאָרדן לעצטע, אָן אַ כאָר —
וואַרפסט אין צאַנק פון אַש' אויף שייטערס:
און ווי אַ פעניקס אין פייער געלייטערט —
זינגסטו פאַר דורות — אָן אַ דור.

דור־הפלגה

ווי אַ בעלמידיקע ליקוי־חמה —
גייט־אָפּ דיין בלוט אין גרויל פון שקיעה,
און סע זינקט דיין וועלט — אַ חולה־נופל —
אַלץ טיפער אין דעם שאול־תחתיה.

אָ דור, מיין דור, אין שטויב צעשמעטערט
פאַרשוועכטע ליגן דיינע לוחות :
און איינגעקנוילט אין קנוילן חושך
געשפענסטער פאָרן זיך מיט רוחות.

און אויף די טמא שייטערהויפנס —
פאַרגייען דיינע הייליקייטן :
אַ מבול מבולט נאָך אַ מבול —
פיל בייזער ווי אין נחס צייטן !

די הימלען שפייען פייער־בליצן,
די וואָלקנס דונערן און קראַכן :
און אויסגעליידיקט ווערט דער תוך
פון לעצטן וואָרט אויף אַלע שפּראַכן !

און וואוהין דו ווענדסט דיין בליק נאָר —
פאַראומגליקט ביזטו און פאַרשטויסן :
און וואו דו לייגסט דיין קאָפּ אַנידער —
זיינען יאָמערטאָלן דיינע שויסן !

אָ דור, מיין דור, אין בלי פון יאָרן,
ביזטו אַ האַרבסט־בוים אָן איין בלאַט :
און ס'לאָזן אויס צו דיר דעם צאָרן —
דורות רשעות און פאַרראַט ! . . .

ס'איז פול מיט לייד געווען דיין נעכטן,
און דיין היינט איז פול מיט גרויל !
און דיין מאָרגן, אוי, דער מאָרגן,
— שומר, שומר, מה מליל ?

דו שטייסט איצט ביים געבורט פון ראַדאַר,
ביים ערשטן שפּאַלטן די אַטאָמען :
ווער ווייסט פאַר וויפל נייע מבולס ?
ווער ווייסט פאַר וויפל נייע סדומען ? . . .

דאָס געוויין פון די פאַרבליבענע שטאַמען

(אליהו שולמאַנען)

פאַרוואָס איז אונדז באַשערט געוועזן אַליין צו בלייבן
פון גאַנצע דורות־שטאַמען דאָ — די איינציקע עדות;
ווען ס'ליגן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען אונדזערע אַלע
ביימער־שוועסטער, ביימער־ברידער, ביימער־זיידעס?

עס זיינען אָפּענער געוואָרן איצט די רוימען —
וואָס זייערע שאָטנס האָבן אונדז אַדאָ פאַרשטעלט:
עס שיינט די זון, עס לויכטן שטערן,
נאָר אינמיטן זומער שוידערט אונדז אַ קעלט!

איצט קומט קיין וואַנדערער נישט רוען אין אונדזער שאָטן,
בלויז אַ וויסטעניש זשומט אונדז נאָכאַנאַנד אין די אויערן:
וואָס ליכטיקער דער הימל קוקט אַראָפּ אויף אונדז —
אַלץ טיפער וויינען אונדזערע וואָרצלען און זיי טרויערן!

אין אונדזערע קראַנקע אָרעמס וויגן זיך נאָך פוסטע נעסטן,
ווייל פייגל האָבן מורא אויף זיי זיך אָפּצושטעלן;
נישט פון איבער־רייפקייט פוילן אונדזערע פירות אויף דער ערד —
עס האָט אַראָפּגעשאָסן זיי אַ האָגל פון שראַפּנעלן!

נישט פון שפּע טוט דער קאָפּ צו דרערד זיך בויגן,
דאָס האָט דער טרויער איינגעבויגן אונדז אין דרייען;
אַ פאַריתומטער, געפאַנגען אין אונדזער אומגליק,
קען אונדז קיינער פון אונדזער טרויער נישט באַפרייען!

אבלים וועלן מיר שוין אייביק בלייבן —
ווי שפּעטער האַרבסט — אַן אייביקע עקרה;
אַ טרויעריקער האַרבסט, מיר דאַרפן ניט קיין פרילינג מער,
קיין זומער, חלומות אויסגעטראַכטע און וואָרע!

קום שנעלער האַרבסט, פאַרטרייב פון דאָ דעם זומער,
דאָס פאַרפירערישע זומער־ווינטל וואָס פלאַפּלט לשון־הרע;
די לייכטזיניקע וואָלקנס — זעלבסט־פאַרליבטע פאַוועס,
קום שנעל, און שינד אַראָפּ ביז ביין די קאָרע!

רייס אַראָפּ פון אונדז דאָס לעצטע גרינע בלעטל,
לאָז אונדז שטיין דאָ הפקר און פאַרשמאַכט;
רייך־אָן אויף אונדז די ווינטן און די קעלטן —
מאַך טרוקן די לעצטע זאָמען אין אונדזער טראַכט!

ביז איינגעשרומפּן ווערן וועט דער דיך —
ביז דיין קאַלטער אָטעם וועט אונדז פאַרסמען;
ביז מיר — די פאַרבליבענע — וועלן ליגן אויסגעצויגן —
אינאיינעם דאָ מיט אַלע אונדזערע דורות־שטאַמען!

און קיינער וועט ניט זיין דאָ מער צו אַרבן —
דעם גרויל פון חורבן דאָ! די פינצטערע ירושה!
עס שיינט די זון. עס לויכטן שטערן. נאָר מיר שעמען זיך קוקן —
אין די אויגן זיי אָצינד פון בושה!...

אין שאָטן פון 1936

— ווי פאַר אַן אַנפאַל פון שגעון
צישעט אין דעלירים אַציַנד די וועלט !
שווערדן קלינגען : שפיזן שרעקן : ביקסן דראָען :
און אומעטום איז שוין געפאַר צעשטעלט !

אומעטום: טריט־אין־טראָט: טראָט־אין־טריט — טרעטן באַטאַליאָנען !
אומעטום : פאָן־געפלאַטער, פרעכע מאַרשן, מיט שנאה־אָנגעפּוישט —
סאָלדאַטן !
באַלד וועט שוידער ווידער גרוילן מיט אומגליק פון האַרמאַטן !
באַלד וועט וואַנזין ווידער רעגענען מיט פייער פון קאַנאָנען !

געהיים, ווי אונטערצינדער, שוואַרצן גרענעצן—אַנגערייצטע אוראַגאַנען:
מיט דונערן ווי ווייטע פויקן, מיט שוועבלדיקע בייטשן — שיפּנדיקע
בליצן !
די נאַכט ברענגט אין אירע פאַלעס — פייערדיקע ראָבן — פאַרצוקנדיקע
עראָפּלאַנען,
באַטרונקענע מיט פעך, מיט שוועבל, מיט קוואַלן גאַזאַלינען !

ימען שמוגלען אין די טיפן לוויתנדיקע סובמאַרינען :
דער טאָג רייסט־אויף די הייך, ווי אַ שראַפּנעל,
מיט זיילן רויך, מיט זיילן פייער !

די זון איז בייז און רויט און איינגעשרומפּן :
דער הימל איז גרוי — ווי אַן אָפּגעטראָגענער שינעל !
ערד ווערט וויסטע וויסט פון קוואַקנדיקע זומפּן —
פון פאַרשאָלטענע, פון צעברענטע מיילן און מיילן !

צוגן פליען געפאַנצערט — ווי ווינטן פאַרסאַפּעט און בייסיק :
באַטערייען הודיען : דיוויזיע יאָגט נאָך דיוויזיע :
טאָג ווערט נאַכט : נאַכט ווערט יאָמער פון גיהנומישער וויזיע :
שטאָלץ און ריטערלעך רייט זיגרייך דער זיכערער טויט !
— די אויגן גליען : דער קאָפּ פאַררימן :

אין זיין לינקער האַנט אַ פאָן — אַ פרעכע מאָנסטער־שמאַטע:
אין זיין רעכטער האַנט — אַ פאַרבלוטיקטער האַקנקרייץ, אַ ברוינע
לאַפּע —
פאַלט אַרונטער ווי אַ בלוטיקע האַק — אויף קראַנקער וועלט־מאַפּע!...

אַ האַרץ איז איבעריק אַצינד! — ווער דאַרף אַ נאַגנדיקע לאַטע —
ווען איינגעוויגט אין מורא דרימלט רואיק דער וועלטס געוויסן?!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַננאַ דאַמיני: דאָס איז זייער וועלט פון נײַנצן־הונדערט־זעקס־און־
דרייסיק!...

1936.

איכה ישבה בדד די וועלט

איכה ישבה בדד העיר,
איכה ישבה בדד די וועלט;
דער טויט קלאַפּט אָן אין יעדער טיר,
ער לאָזט נישט אויס קיין איין געצעלט.

ער וואַנדערט אום פון שטאָט צו שטאָט,
ער וואַנדערט אום פון לאַנד צו לאַנד;
אייביק איז ער נע־ונד,
פון אייביק איז ער — אייביק, אייביק.

און ס׳וואַקסט די שפע און די גאָב
פון חורבן, אומקום און רואין:
און וואו ער אָטעמט, טוט זיך אָפּ —
דער לעצטער, לעבעדיקער מין.

דער טויט קלאַפּט אָן אין יעדער טיר,
ער לאָזט נישט אויס קיין איין געצעלט:
איכה ישבה בדד העיר...
איכה ישבה בדד די וועלט!...

נאָך הערט מען נישט...

נאָך טויבט אין די אויערן דער אויפּרייס פון קאַנאָנען:
נאָך הילכן דונערדיק די זאַלפן פון שראַפּנעלן:
נאָך שמעקט די לופט מיט טשאַד פון גאַזן,
מיט פייכטער קברים־ערד:
נאָך טאַפט אַן איינגעטונקענע אין בלוט די שווערד,
און זוכט דעם וועג צוריק אין שייד,
און קאָן אים נישט געפינען:

נאָך פראַוועו ווערים זייער פעטע סעודה ניט־געשטערט:
נאָך שווייגט אַראָפּ אַ הימל, ווי געררירט פון זינען:
נאָך יאָמערן און וויינען גסיסה־אַקאָרדן —
פון פאַרפייניקונג, אַגאָניעס און מאָרדן:
נאָך זיינען פול די הערצער מיט אַבילה און מיט שרעק:
נאָך יאָגן הפקר בייזע טשאַטעס וועלף:
נאָך קומט ניט קיינער אין יאָמערטאָל זיך איינצושטעלן:
זיך אויסצוטענהן:
נאָך הערט מען נישט קיין איינציק קול פון טרייסט:
— איך העלף!...

גליט שאַרף, לבנהדיק

ס׳איז גוט אַזוי אַ וואַכער ליגן,
אויף הייסן קאָפּ — אַ מידע האַנט:
און לאָזן זיך אין פּיבער וויגן,
און וויגן זיך פון לאַנד צו לאַנד.

אונטערן קאָפּ דאָס ווייכע קישן,
אַן עדות פון אַ לאַנגער נאַכט:
דער רויך, די דילן און די טישן —
אַ שלאַכטפעלד נאָך אַ לאַנגער שלאַכט.

ס׳איז גוט ווען ס׳צערטלט הייסן גוף
דאָס קילע, בלענדנדיקע ליילעך:
און נאָענט זיין צו דעם האַרצנסרוף —
און זיין פון זיך אַליין אַ מהלך.

און זען ווי די נאַכט גענענט —
אַ גוטע, היילנדיקע שוועסטער:
ווי דורך אַ שויב — צווישן ווענט —
גליט שאַרף, לבנהדיק — אַ מעסער.

קומענדיקע דורות

איר אַלע ערשט־געבוירענע און נאָך־נישט־געבוירענע,
איר אַלע וואָס שטייט אַצינד אויף שוועל פון לעבן,
— פאַרנעמט דאָס קול פון אַ דור אַ פאַרלוירענעם,
וואָס בויגט פאַר אייך דעם קאָפּ מיט שולד און בושה
פאַר אונדזער שווערער, פאַר אונדזער בלוטיקער ירושה
וואָס מיר זיינען גרייט אין אייער רשות איבערצוגעבן!

— משפּט אונדז! און זאָל נישט זיין צו שווער קיין שטראָף
פאַר אונדז! און זאָל אונדז דער אייביקער שלאָף
נישט אויסלייזן מיט פאַרגעבן! ווי ס'האָט ביים לעבן
אונדז נישט געשוינט דעם גורלס ביטערע רוט!

מיר זיינען אויפגעגאַן אין אַ וועלט פון ליגן און פאַרראַט,
און צווישן איין קאַטאַסטראָפע און אַ צווייטער
איז דער טויט געווען אונדזער שטענדיקער באַגלייטער!
און אונדזער זונפאַרגאַנג — אַן אָפּגייענדיקע שיף אין טייכן בלוט!

— מיר לאָזן אייך איבער אַ חרובע ערד! אַ הימל אָן אַ גאָט!...
— משפּט אונדז! און זאָל אייער אורטייל פאַלן שאַרף,
ווי אַ האַק, אויף אונדזער באַנקראָט!
— משפּט אונדז! און זאָל נישט זיין צו שווער קיין שטראָף
פאַר אונדזער ירושה! און זאָל דער אייביקער שלאָף
אונדז נישט אויסלייזן מיט פאַרגעבן! ווי ס'האָט ביים לעבן
אונדז נישט געשוינט דעם גורלס בלוטיקע רוט!...

אין טאָג פון זיג ! . . .

זאָל פינצטער זיין !
— מיר וועלן היינט נישט אָנצינדן קיין ליכט.
אין טאָג פון זיג —
זאָל פעלן אונדזער טראָט אין אייערע רייען !

מיר זיינען יאָרן אָפּגעגאַנגען מיט אייך אין בלוט פון שלאַכטן ;
איצט זיינען מיר די יורשים פון אייערע פינצטערסטע ביינאַכטן ;
מיר זיינען ווידער אָן אָבל —
פון אַ נייעם נהרות בבל —
און פינצטער בלייבט פאַר אונדז דער וועלטס געזיכט ;
— מיר קענען נישט מיט אייך אינאיינעם היינט זיך פרייען ! . . .

ס'איז וואָר, דער זיג איז אייערער,
ס'איז אייערער דער פרידן ;
ס'איז אונדזערער דער חורבן,
און אונדזערער דער בראָך !
בלויז מיר — די ווייניק־פאַרבליבענע — דאַרפן קריעה רייסן
נאָך אַ פאָלק פון יידן —
וואָס איר האָט אומגעבראַכט !

אין טאָג פון זיג —
זאָלן פעלן אונדזער טראָט אין אייערע רייען ;
— לאָזט אונדז אַליין היינט מיט דעם טרויער בלייבן ;
און צווינגט אונדז נישט אַריינצושרייבן —
קיין נייעם יום־טוב אין אונדזער אַלטן לוח
מיט טרערן דורכגעווייקט, און מיט אַנטוישונג רייך.
— מיר קענען נישט מיט אייך אינאיינעם היינט זיך פרייען ! . . .

און מיר דערוואַרטן נישט איר זאָלט פאַרגיטיקן דעם צער
פאַר אַלע העלדן אונדזערע מיט ביקס און שווערד אין האַנט
פאַרזייטע אויף אייערע שלאַכטפעלדער — אין פאַרטיידיקן אייער לאַנד !

מיר ווייסן, אַז ס'איז ניט פאַראַן גאָר אַזאַ שכר !
ווייל ווער קען ציילן קאַליקעס ווי אין מסחר !

און ווער קען חשבונען פון טויטע חיבור !
און איר האָט אונדז שוין לאַנג געלערנט ניט צו גלויבן —
אין האַניק פון אייערע צוזאָגן און לויבן —
וואָס צערינען באַלד ווי די סכנה איז פאַראיבער ! —

אין טאָג פון זיג —
זאָלן פעלן אונדזער טראָט אין אייערע רייען :
— מיר קענען נישט מיט אייך אינאיינעם היינט זיך פרייען ! . . .

אין טאָג פון זיג בליט ערשט אונדזער ווייטיק און אונדזער שאַנד
פון זעקס מיליאָן אנשים, נשים וטף —
וואָס פריי־געלאָזטע ווילדע וועלף פון שטייגן —
האָבן דערנידעריקט, צעטראָטן און באַשפיגן !
און ביז פייערן אין קאַלכאויוונס האָבן זיי דורך טויט דערלייזט —
האָט איר געשוויגן, האָט איר אַלע געשוויגן !

איר האָט אַלע צוגעזען אונדזער חורבן און אונדזער גרויל :
און ווער פון אייך ס׳האָט צוגעמאַכט אַן אויג —
און ווער פון אייך באַקוועם געהאַלטן צוגעמאַכט — דאָס מויל !

אַ שותפים, צו אַ פאָלקס־לוויה דורך שווייגן,
ווי קענען מיר אין אייער זיג געפינען טרייסט ?
ווי קענען מיר מיט אייך אינאיינעם היינט זיך פרייען ?
אין טאָג פון זיג —
זאָל פעלן אונדזער טראָט אין אייערע רייען !
— זאָל פינצטער זיין ! . . .

איז דאָס דער טאָג?

איז דאָס דער טאָג?
איז דאָס דער טאָג, דער נייער?
איז דאָס די לאַנג־דערוואַרטע שעה פון האָפענונג?
די לאַנג־געגאַרטע שיין פון רעגנבויגן?
פאַר בלוט־און־טרערן דער צושטייער?

דאָס האָבן מיר, דער איבערבלייב, נאָך חרובן געוויטער
אויף דיר זיך אויסגעקוקט די אויגן —
אין שווערער אַנגסט דורך לאַנגער מבול־נאַכט?

איז דאָס די פלאַטער־בשורה פון דער פרידנסטויב?
דער זין פאַר מאָרד, פאַר אומקום און פאַר רויב?
דער לעצטער רידל ערד אויף אַלע גרוילן און פאַרדראָסן?

נאָך מדבר־וואָגלעניש מיט עמוד־אש און עמוד־ענן —
דער שכר פאַר ציילן טויטע אין מיליאָנען?

עס שווייגט דער טאָג. זיין מויל איז סודותפול פאַרשלאָסן.

— טאָג, טאָג, ברענגסטו נענטער די גאולה־טריט,
צי טראָגן לעצטן חורבן דיינע נייע זאָמען?
איך פרעג און פרעג און פרעג — און קיינער ענטפערט ניט.

דער טאָג שווייגט, און קרישלט שטום דעם סוד פון די אַטאָמען.

אָ נייער טאָג

אָ נייער טאָג, ביים שיין פון גרויל און טרערן —
ביזטו געקומען אויף דער וועלט מיט אַלע קין־צייכנס אויף דיין שטערן.

— אָ נייער טאָג, דו טראָגסט אין דיינע פּאַלעס —
פון בראשית אָן דעם גאַנצן חושך פון דער וועלטס גורלות.

אָ נייער טאָג, אַלע דורות מאָרד־סמנים —
האָסטו אַריינגעקנייטשט אין דיין פאַרקרימטן פּנים.

אָ נייער טאָג, עס בויגט אַ דור פאַר דיר דעם קאָפּ אין בושה —
פאַר שוידער, עיפּוש, און פאַר דעם גרויל פון זיין ירושה! . . .

אונדזער קליינע מסיבה

קלענער, קלענער ווערט אונדזער קליינע מסיבה
אויף אַלע ווינקלען פון דער ברענענדיקער וועלט:
הימלען קוקן אַרונטער פאַרצווייפלטע און טריבע
אומעטום — וואו נאָר מיר האָבן אויפגעשלאָגן אַ געצעלט.

אַ שטורעם־ווינט רייסט הפקר אונדזערע דילן און דעכער,
און קערט איבער אַלע גרונטפעסטן פון אונדזער אַלט פאַרמעג:
עס באַרירן נישט קיין ליפּן מער דעם קידוש־בעכער,
און דאָס טייטש־חומש שטומט סיי דורך יום־טוב, סיי דורך וואָכנטעג.

און יידישע דערציילער, חלום־שפּינער און פּאָעטן —
ווער איז נאָך איינזאַם ווי מיר אין דער שנאהפולער וועלט?
אַ לעבנלאַנג צו צערטלען ווערטער, זיי קנעטן —
און ווי קערנער זיי פאַרזייען אויף אַ שפּעט־האַרבסטיקן פעלד!

און הערן ווי אין בבל פון לשונות ווערט פאַרטויבט
און פאַרגרילצט אונדזער לשון אין דער דראָענדיקער פרעמד:
ווי אונדזער יוגנט — דער אייביקער פרילינג — ווערט גערויבט,
און ווי אונדזערע ביכער שטייען שטומע, פאַריתומט — און פאַרשעמט.

אויך דאָס פאָלק קומט איצט זעלטן צו די קוועלנדיקע קוואַלן,
ס'איז טויט־מיד און דערשלאָגן: „אָכן חציר העם!...״
נאָר אויך ביאַליק וואָלט דאָס איצט נישט געשטראָפט און באַפאַלן —
ווי קען מען שטראָפן אַ פאָלק, וואָס לעבט אייביק אין סדום!

ווי קען מען שטראָפן אַ פאָלק וואָס איז מיט טויט־שרעק געשלאָגן
פון זיין אייביק אַ דאָרן אין אויג פון דער וועלט!
אונדזער קליינע מסיבה דאַרף אים טרייסט איצט טראָגן —
אונטער פאַרצווייפלטע הימלען — פון געצעלט צו געצעלט!...

מיט גרוס

אין פיינלעכן צעשיידט זיין פון אייך, חברים מײַנע,
פאַרוואָרלאָזטע פאָעטן יידישע, אין גרויסער, גרעסטער שטאָט ניו־יאָרק,
אין פיינלעכן צעשיידט זיין, האָט איצטער אויפגעלייזט זיך יעדע טענה,
און ליב געוואָרן זייט איר מיר ווי אונדזער וואָרע, דראָענדיקע זאָרג.

און נישט קיין רום פון אויסדערוויילטע, און נישט קיין גלאַנץ פון גאווה,
האָט ווייט פון אייך, אין מיטן נאַכט, באַפוילן מיר מיט פען אין האַנט —
צוצופאַלן צו יידיש ליד פאַרפייניקטן — מיט נאַגנדיקער תאווה,
און גריסן אייך, חברים מיינע, באַקאַנט און אומבאַקאַנט.

און גריסן אייך אין אַנגעזיכט פון ביטול און פון לעסטער,
פאַריתומטע פון וועלט־שריפה — געצונדן בלוט און גאָלד:
— העכער האַלט דעם פאַקל! שטאַרקער שמידט און פעסטער
דאָס האָפערדיקע ליד — פון גלויבן און רעוואָלט!

און ווען צעשטראַלט און ליכטיק — פון ראַנדן ביז צו ראַנדן —
אַ יונגער טאָג וועט אַנקומען (אַ שטורעם־פויגל פליט!)
און מיט אים וועט אַנקומען אַ פרייער מענטש צו לאַנדן,
וועט מוטיק זיך צעקלינגען — דאָס פאַרפייניקט יידיש ליד! . . .

II

לידער פון נעכטן

אין וואַלד פון שטיין

פריער אווגט. צווישן טאָג און נאַכט —
ווען אַפילו מענטש אין וואַלד פון שטיין
בלייבט שטיין אינמיטן רויש פאַרטראַכט —
און וואָלט ער נישט געשעמט זיך וואָלט ער זיך צעלאַכט,
צי אפשר אויסגעבראָכן גאָר אין אַ געוויין.

ווען עלנט ווײַנט אַראָפּ פון מידע פּלייצעס
אַ מידער אומעט, ווי פון מערבדיקע זוימען;
ווען אַ מענטש אין שווייגן פרעגט אַן עצה
ביים ליולקע־רויך, וואָס ציט זיך, ווי פון קוימען,
און נאַפּט אַליין אין שרעק צו אייביק־שטומע רוימען.

ווען יעדע גאַס ווערט אַ פאַרנאַרנדיקע נעץ,
און יעדע פרוי אַ רייצנדיקער סוד;
זיי שלייכן זיך פאַרביי געהיימניספול, ווי קעץ:
דו ווערסט וואַכזאַם צו זייער יעדן בויג און טראָט,
און פון די הימלען, דאַכט זיך, נידערט גאָט!

די הייזער ווערן בלינד און בלינדער.
ביז אַן אימה נעמט אַרום דאָ יעדער הויז:
אין פענצטער שטייען איינגעראַמטע קינדער —
מלאַכימלעך אַראָפּגעפלויגענע פון הימלס שויס —
און קוקן פאַרחושטע אויף דער גאַס אַרויס.

צווישן טאָג און נאַכט נעמט אַ מילדקייט ווייען —
פון רייד, פון שווייגן, און פון מענטשלעכע געזיכטער:
אַ בליק, אַ האַנט־באַוועג — און ס'נעמט צעגייען
פאַרדראָס אומזיסטער; און אומבאַהאַלפן שטייט דער ריכטער,
דער פאַרמשפּטער, דער פּראָפּאַן און דער דיכטער! . . .

גאַסן

ווי הויקערס אויף דער פּלייצע פון דער ערד,
שטייען דאָ די הייזער איינגעבויגן;
די גרויע ווענט — מיט לאַסט פון צייט באַשווערט,
די פענצטער דאָ — ווי אויסגעזעצטע אויגן.

ווי שאַרפער ווײַרוך שמעקט מיט מיסט און קויט
אויף קרום פאַרנאַכלעסיקטע גאַסן,
ס'האָט רחבותדיק צעלייגט זיך דאָ די נויט,
מיט שטומען פּיין פאַרברידערט פרעמדע ראַסן.

עס פאַלן דאָ פרימאָרגנס אָן ווי רויבער
אויף מאַן און פרוי, פון זאָרגן אויסגעצערט,
מיט דעם ערשטן בליק פון זון אויף שויבן —
שווינגט דער טאָג זיין בלענדענדיקע שווערד.

טומלדיקער רויש און ברום פון משוגעת,
חיהשער געריעוו פון אויפגעוואַכטער שטאָט;
נישט מיט פרייד פון מי — נאָר מיט שוויס און האַס —
אַ געקרייצטער דרייט זיך דאָ דער מענטש אין ראָד.

ביז אָוונט־גרוי פאַרמאַטערט פון געפּעכט,
לאָזט בלינד אַראָפּ דער טאָג די מידע הענט,
— שטילע פרייד פון רו, לאַמפּן־מאַטע — נעכט,
מאַלצייט קאַרג, שלאָף צווישן טויבע ווענט.

דאַן שלייכט אַרום די נאַכט, מיט אויער צו די הייזער,
און פאַרנעמט מיט פרייד ווי בשורות פון דער ווייט;
— דאָס מעסטן פון דער נויט מיט יעדן צוק פון ווייזער —
אויף זייגער פון דער וועלט — דעם אומרו פון דער צייט.

זינג ! . . .

גיי אויף, לויכט אויף מיין ליד,
ליד פון מענטשן, פון גאַסן, פון שטיבער !
— ווייל אויך פון גאַסן און פון שטיבער דאָס אויסזען און געמיט
— דריקן אויס ווי פנימער — דאָס געמיט פון מענטשן !
— עס בויעט זיי נישט בלויז דעם מענטשנס מי,
נאָר עס פורעמט זיי באַנעם און שטאַנד
פון דעם און יענעם, פון דער און יענער, פון די און די.
— זיי קאָנען שעלטן ! זיי קאָנען בענטשן ! . . .

אין פריידן לויכטן שטיבער —
מיט גלי פון פייערלעכן פיבער.
אין נויטן מעסט דאָס אומגליק מיט אַרשין און מעטער —
גאַס און דאָרף, און שטאָט און לאַנד,
— און מענטש ווערט גואל און פאַררעטער ! . . .
שטיבער און גאַסן שפּיגלען אָפּ, ווי מענטשן, געמיט און שטאַנד.
ווי צו מענטשן קומט צו זיי צעטיילט די צייט אין טאָג און נאַכט ;
מיט גליק און אומגליק, מיט ליבשאַפט און שנאה, מיט צוטרוי
און פאַרדאַכט.
דאָס אומאויפהערלעכע, אייביק־אייביקע, ברויזנדיקע לעבן
הערט נישט אויף דאָ צו פאַרפאַסן שטוינענדיקע ווערק :
אַ שטאָט, ווי אָפענע ביכער, אין אַלע זשאַנערן, אין אַלע סטילן.
טיף איז די האָפענונג : שוימיק די צילן :
שאַרף די ליבשאַפטן : שאַרף די האַסן :
— בליען ווידערשפּרוכן. קרייצן זיך קאָנטראַסטן ! . . .

קום, דרינג דורך די שטאָט פון וואונדער און בייז־וואונדער :
די שטאָט פון שטענדיקן אינאיינעם, און שטענדיקן באַזונדער.
די שטאָט פון מויערן, פּאַלאַצן ! די שטאָט מיט שטיבער קברים !
— און מענטש פליט ווי אַן אָדלער ! און מענטש קריכט ווי אַ וואָרעם !

קום, בלעטער ווי ווינט אָפענע ביכער :
לעגענדעס פון מענטשן, מיפן פון גאַסן, מעשות פון שטיבער.
קום, מעסט די אָפּגרונטן אין גריבער —
נאָר פאַרזע נישט די בערג !

צי צו הייכן, נאָר געדענק די נידער!
פאַרליר זיך און געפין זיך אין לאַבירינט פון ראַסן:
צייל די שטערן! האָרך אויס די טענות פון דעם ווינט!
הער אָנקלאָג אין געבעט!
זע אין גרייז דאָס קינד!
קרוין דאָס ליד פון דעם פאָעט, —
נאָר לעסטער נישט דאָס פייער אין ניט־געזונגענע לידער —
פון די אייביק־דורשטיקע, נאָמענלאָזע ברידער!

שייל אָפּ פון ווערטער די געפאַר!
היט באַטרוג אין מויל פון דיפּלאָמאַטן!
זינג דערשלאָגנקייט פון צער!
זינג וואַנזין פון מוטיקע!
זינג שטוין פון העלדנטאַטן!
זינג רשעות פון שלעכטע!
זינג זיג פון גערעכטע!
— זינג! זינג! זינג! . . .

מיט ליד און מיט ברויט

. . . ס׳איז פינצטערלעך און שטיל.
ס׳איז פאַרטאָגיק און קיל.
און אויף מיטנוועג פון דרערד —
קרייצן זיך צוויי וועלטן:
— איין וועלט גייט אויס.
— איין וועלט גייט אויף.
פרייד — פון געבורט.
שוידער — פון סוף.
— און ביידע בלוטיקן,
נאָר איין וועלט הערט נישט אויף צו שעלטן.

די צווייטע שווייגט און האַלט דעם קאָפּ פאַררייסן.
הייליק ברענט אַ פייער אין אירע אויגן.
איר איז גוט אין פיינלעכקייט צו וויסן:
אַז איר געהערט די זון,
אַז איר געהערט דער רעגנבויגן!

און ווי אַ בשורה טראָגט זי די פאָן פון יושר:
און פאַרטרייבט דעם עלנט, און פאַרטרייבט די נויט,
און גייט פון לאַנד צו לאַנד — מיט ליד און מיט ברויט! . . .

ליפּקאַן, מיין היים

(א)

ווער ווייסט צי וועל איך נאָך אַמאָל באַטרעטן
דיין ערד, אַ בעסאַראַביע, מיין היים.
כאָטש דאָ, ביי אונדז, אין רייכן לאַנד און פעטן —
געדענק אין דיינע שטיבעלעך פון ליים.

כ׳געדענק דיין שבת־יום־טוב, די בייטאָגן,
די פאָרלעך, הינטער שטאָט, אויף אַ שפּאַציר:
וואו טרויער פון דער וואָך ברענגגט מען צוטראָגן,
ווייל ס׳עפנט ניט דאָס האַרץ — דורך דער וואָך — די טיר.

געדענק איך דיינע לויטערע פאַרנאַכטן,
די טשערעדע, די „דוינע" פון „טשובאַן",
און גוט איז מיר אַמאָל פון דיר צו טראַכטן —
דו פינטעלע, דו ליכטיקס, מיין ליפּקאַן.

ווער ווייסט צי ס׳וועט מיין פוס נאָך ווען באַטרעטן
אַ בעסאַראַביע, דיין היימישע, דיין גוטע ערד!
כ׳נעם אָבער אָן ביז לעצטן הארבסט־טאָג שפּעטן
מיין גורל, וואָס איז מיר אַדאָ באַשערט.

(ב)

באַשערט געווען אין יוגנט זיך אָפּזאָגן
פון היים, פון פריינט, פון טרוימען זעכצניעריקע:
זיך אָפּגעבן דעם וואַנדער זאָל ער טראָגן —
האָט ער פאַרטראָגן מיך אַהערצו, קיין אַמעריקע.

באַשערט געווען מיין ליד זאָל דאָ צעבליען זיך,
צעבליען זיך — אין שטאָט, צווישן מויערן:
און זינגען זאָל איך דאָ פון די וואָס מיען זיך,
און זינגען זאָל איך, זינגען, ניט באַדויערן.

מעג שווער אויף דעם געמיט זיך נאָך צעלייגן
דאָס נייע ליד פון „היינט" און פון דעם „נעכטן".
פאַרחלשט ליגן אַלע אַלטע וועגן —
און זיגן מוז דער וועג נאָר פון גערעכטן.

דער ים פון האַס צערייסט שוין אַלע צאַמען.
סע שופרט שוין דאָס ליד פון שטאָל און אייזן:
דער מענטש האָט שוין פאַרזוכט פון אַלע סמען —
וועט מוזן וועט משיח דאָ זיך ווייזן.

(ג)

פאַרגיב מיר, היים, וואָס כ׳האָב דיך ניט באַזונגען.
דו אָרט, וואו ס׳איז מיין וויגל ווען געשטאַנען:
דיין ערד האָט שוין מיין טאַטן לאַנג פאַרשלונגען —
און האַלסט ביי זיך אַלס משכון נאָך מיין מאַמען.

אויך זי וועט דאָרט איר לעצטע רו געפינען,
און הייליקער וועט נאָך דיין ערד מיר ווערן;
נאָר איך וועל דאָ ביז לעצטן אָטעם שפינען —
מיין שטאָטיק ליד און קיינמאָל ניט אויפהערן.

אָפט גייט אין מיר אַ בענקשאַפט אויף מיט וואונדן,
ווי נאָך אַ ליב־פאַרלוירענער באַקאַנטשאַפט:
ס׳האָט בלוטיק אונדז די ערד פאַרבונדן —
וועט אייביק בלוטיק זיין אונדזער פאַרוואַנדשאַפט.

צעשיידטע אָבער וועלן מיר שוין בלייבן.
נישט איך וויל, און נישט איך קען מיין גורל מיידן:
און ווען איך וועל דאָס לעצטע ליד אָנשרייבן —
אַ קום מיין האַרבסט, מיין קאָפּ איז גרייט פאַר שניידן.

דעם לעצטן אָטעם אויסהויכן אין לידער,
מיט נייער ערד אַ נייעם בונד דאָ שליסן:
און ס׳איז באַשערט מיר דאָ, ס׳זאָל מיך די פייכטע נידער,
— מיט רידלען ערד — צום לעצטן מאָל באַגריסן.

1922

ליד פון בלינדן בעטלער

ווען גרויע קילקייט, מיט שפראָץ אויף שיין,
באַרירט די הויכע טורעמשפיצן,
טרעפט יונגער טאָג אויף ראָג פון גאַס —
אַ בלינדן בעטלער איינזאַם זיצן.

זיין פנים דין און אויסגעאיידלט.
אויף גרויער באָרד די זון ווי פייער.
צופוסנס ליגט ביי אים אַ שטעקן
און היט אים, ווי אַ הונט אַ טרייער.

אינמיטן שטייט אַ שיסל, ליידיק,
און קוקט דעם הימל אין די אויגן.
אויף קני די דינע, לאַנגע פינגער —
פאַרחלשט ליגן אויסגעצויגן.

און ווי אַ פויגל, וואָס נעמט גריסן
דעם זומערטאָג און זיך צעזינגען,
אַזוי הויבט אָן אויך, ווי אַ תפילה,
דעם בעטלערס קול — גאַנץ פרי צו קלינגען.

די נויט באַפאַלט מיט שאַרף פון טאָג
דעם טעמפּן שלאָף דאָ אויף געלעגערס:
און יאָגט אַרויס מיליאָנען מענטשן —
אויף יאַגד נאָך ברויט, ווי ווילדע יעגערס.

נאָר ווער עס גייט פאַרביי, און איילט זיך,
נאָר הערט דאָס קול, ווערט באַלד געפאַנגען:
די ווערטער דין און אומפאַרשטענדלעך
נאָר פול מיט זין זיינען די קלאַנגען!

זיי דרינגען טיף אַריין אין הארצן,
און רויש פון גאַס ווערט דול און דולער.
און אויף דער ערד דעם בעטלערס שיסל
ווערט מיט מטבעות פול און פולער.

די שעהן לויפן, מענטשן שטראָמען.
די שאָטנס ווערן גרויס און גרעסער.
און יעדער גראָשן־קלונג שניידט איבער
דעם בעטלערס קול ווי מיט אַ מעסער.

דאָס פּנים דין און אויסגעאיידלט —
שיינט איידלער ווען די זון גייט אונטער:
— אויף גרויער באָרד, אין זון צעפלאָקערט,
צוויי טרערן קייקלען זיך אַרונטער.

און מישן אויס זיך מיט די פּעניס,
וואָס ס׳נעמט דער בעטלער צערטלען, טאַפּן,
און ס׳קלינגט זיין קול נאָך מער און כּישופט,
און מאַכט דאָס האַרץ נאָך פעסטער קלאַפּן.

די נאַכט פירט מיד אַהיים די מענטשן,
נאָר ווער ס׳איז איצט פאַרבייגעגאַנגען —
און האָט געהערט דעם בעטלערס זינגען
דער ווערט פון דעם זיין לאַנג געפאַנגען.

אין דער היים, ווערט אים ביים מאָלצייט,
באַגלייטן שטיל דער זיסער ניגון,
און אויך ביינאַכט מיט שטילן כּישוף —
אין חלום וויגן אים און וויגן.

און הויבט אָן נאַכטן, נעמט דער בעטלער
די דינע, לאַנגע הענט אויסשטרעקן:
מיט איין האַנט הויבט ער אויף די שיסל,
אין צווייטער האַנט נעמט ער דעם שטעקן.

קוים־קוים וואָס זיינע טריט באַרירן
די ערד, וואָס ווערט אים ליב און ליבער:
ער דריקט צו זיך די שיסל גראָשנס
און גייט פאַרביי געפאַר פון גריבער.

ער היפּעט איבער מויערן, גאַסן,
ווי איינער ווען אין דרויסן רעגנט:
און איילט אַהין, וואו שטומע הייזער
געבויגן שטייען אין אַ געגנט.

וואו ס׳וואַקסן אויס געהיים געשטאַלטן,
און צאַרטע אויסגעצערטע קינדער:
און סע נעמט פון שיסל טיילן
שטיקער האַרץ פון זיך דער בלינדער.

די אויגן פעסט מיט נאַכט פאַרזיגלט.
דאָס ליכט פון זיי ווי אויסגערונען:
דער בעטלער טיילט, און טיילט, און טיילט —
און לויכט אַליין ווי טויזנט זונען!

אַט דאַכט זיך, עפנט ער די אויגן,
און בלייבט שטיין פאַרגאַפט אין שרעקן.
— די מיטנאַכט שפּרייט איר שלעפ, איר בלויען,
גייט ער ווייטער נאָך זיין שטעקן.

קיינער ווייסט דאָ נישט זיין נאָמען.
מען ווייסט — ער קומט מיט אָוונט־שטונדן,
און טיילט ער אויס דעם לעצטן גראָשן —
ווערט ער מיט דער נאַכט פאַרשוואונדן!...
— — — — — — — — —

ווען גרויע קילקייט, מיט שפּראָץ אויף שיין,
באַרירט די הויכע טורעמשפּיצן:
טרעפט יונגער טאָג אויף ראָג פון גאַס —
דעם בלינדן בעטלער — דאָ ווידער זיצן.

HOUSE FOR SALE

פון גאַנצן רייך און יחוסדיקן שטאַם,
איז נאָר דאָס אַלטע הויז דאָ, אויף דער גאַס, פאַרבליבן.
פון די ריזן־שכנים אָפּגעגרעניצט מיט אַ צאַם —
שטייט עס דאָ מיט גרויסע פענצטער און לאַמטערנס ביי די טירן,
ווי ראַפינירטע פאַרבליבענע מאַנירן
אין בלוט פון דורות אַלטע אַריסטאָקראַטן,
וואָס האָבן שוין זייער האָב און גוטס פאַרלוירן —
און דאָך זייער אייטלקייט נאָך ניט אָנגעוואוירן.

די צימערן, ווי זאַלן גרויס צום טאַנצן.
די שפּיגלען אין די ווענט פינקלען העל און גלאַנצן —
אַ זכר נאָך פון יענע גוטע צייטן,
ווען ס'האָבן רו אויף ציכטיקייט אַרומשפּאַצירט געאַרעמט,
און ווי אויף דער זון אַ קאַץ —
האָט זאָרגלאָז זיך די פוילקייט דאָ געוואַרעמט.

דער אָנבליק, אינעם סטיל פון קינדער־יאָרן,
ווען ס'פאַרציט ניט דאָס געזיכט קיין קנייטש פון זאָרג,
ווען ס'איז געווען אַ טרוים נאָך — צוואַנציק גאָרן
און נאָכגעקרימט זיך פּרעמדע האָט ניו־יאָרק.
ביז ס'האָט מיט רייף פון יאָרן, שיין פון וואַנדל
פאַרלאָשן זיך אויף שווינדלדיקע טרעפּ.
און ס'האָט דער שוואונג פון אינדוסטרי און האַנדל —
דאָ אָפּגעהאַקט די קאַרליקעס די קעפּ.

פאַרשאָטן שנעל דעם קינדער־סטיל פון דורות,
טראַדיציע — פאַרהילט מיט שיכטן שטויב.
איצט שפּיזן טורעמס דאָ, ווי ברענענדע מנורות,
אויף ווילד געיעג אין רוים, ווי נאָך אַ רויב.

פון גאַנצן רייך און יחוסדיקן שטאַם —
איינציק, ווי אַ צופאַל, איז דאָס הויז פאַרבליבן:
פון די ריזן־שכנים אָפּגעגרעניצט מיט אַ צאַם —
טראַגיש, ווי אַ יורד, מיט דעם קאָפּ געבויגן,
גלאָצט עס שטאַר אויף דורכגייער מיט טריבע אויגן,
און בעט זיך, מיט שילדן אין שוואַרצן אויסגעשריבן:

HOUSE FOR SALE . . .

באַלאַדע פון גאָטס איינזאַמסטע קינדער

זיי שלאָפן שפּעט אין טאָג אַריין,
און שטייען אויף פון שלאָף נאָך מידער —
ווי זיי האָבן שלאָפן זיך געלייגט,
און ציען פויל די מידע גלידער.

זיי גענעצן. זיי וואַרפן קאָרטן.
זיי מישן ביליקע זשורנאַלן,
און מיידן אויס, ווי סאָוועס מיידן —
דאָס ליכט פון טאָג און זיינע שטראַלן.

זיי זיינען לייכט אויף פלוס פון טרערן,
און לייכטער נאָך אויף פרעך געלעכטער:
זיי שטאַמען דאָך פון אָדמס ריפּ —
און זיינען חוהס טרייע טעכטער.

נאָר ווען דער ערשטער אוונטשטערן
ווינקט זיך דורך מיט בלוי פון שויבן:
ווערן זייערע אויגן שיכור —
מיט טיפן אומעט — ווי רייפע טרויבן.

עס נעמט זיי דורך אַ שווערער אומעט.
זיי ווערן נאָכגיביק און מידער.
און אַ טרויער הייבט אָן נאָגן
זייער אָרעם לייב און מידע גלידער.

זיי וואָלטן איצטער אויסגעטון זיך —
פון הויט פון אייגענער, פון לייב:
נאָר ס'טוט די נאַכט מיט הונגער־פליגל
איבער דער שטאָט זיי אַ צעטרייב.

מיט הוט און שיך לויט לעצטער מאָדע,
מיט קלייד און ראָק פון פרעכן זייד —
לאָזן זיי זיך איבער גאַסן —
וואו סע שוימט די שטאָט און ווינקט פאַרשייט.

לאַמטערנס בלענדן. שילדן שרייען.
— אַ גיהנום אָן אַ שפּור פון גנאָד:
געפּאַר און שטרויכל, ווי צוויי שאָטנס,
גייען נאָך זיי, טראָט נאָך טראָט.

אין שענקען ביליקע און אין סאַלונען
(ווי ס׳האָט געמאָלן זיי וואַן גאָג!)
און מיט פאַרדעכטיקע פאַרשווינען —
פאַרברענגען זיי ביז פריען טאָג.

און ווען דער לעצטער מאָרגנשטערן
צאַנקט, און ס׳איז די נאַכט פאַראיבער:
לאָזן זיי זיך גיין אַ היים —
אין ציטערדיקן גאַנג פון פיבער.

טרויעריקע און צעקנייטשטע —
גאַס אַריין און גאַס אַרויס:
טרעפט זיי אָן דער ערשטער זונשטראַל —
ביי דער טיר פון זייער הויז.

זיי טרעטן שנעל די שוועל אַריבער,
און פאַלן מיד אויף בעט אַוועק:
און ס׳נעמט פאַרפייניקט ווידער נאָגן —
זייער אָרעם לייב — אי גרויל, אי שרעק.

סע מישן זיך אין קאָפּ געדאַנקען —
ווי וואָר און טרוים זיינען דורכגעפלויגן:
ביז די מידקייט נעמט מיט שלאָף
פאַרלעשן די פאַרלעשטע אויגן.

רוען אָפּ די מידע גופים,
ווי הייזער חרובֿע נאָך פּלינדער:
און סע חלומט זיי: — ביי זייערע בריסט —
דרימלען זויגנדיקע קינדער.

זיי ציען אויס אין טרוים די הענט,
און צערטלען זיי, און טוען תפילה:
דאַן נידערט גאָט ביי זיי צוקאָפּנס —
מיט האַרץ פול טרויער און מחילה.

לאָמבאַרדן

(א)

בלאַנקענדיקע סגלען איבער פענצטער —
זאָגן אָן: דאָ איז אַ לאָמבאַרד.
און די וואָס קומען דאָ משכנות צו פאַרזעצן —
דרייען אום זיך פריער אַהין און צוריק:
צעשראָקענע פייגל אין אַ נעץ פאַרנאַרט.

זיי כאַפּן דורך דער טיר אַ בליק,
צי ס׳איז דער מלווה דאָרט אַליין —
און גנבענען זיך שטיל אַהין אַריין.
דאַן דריקן זיי מיט שטומען צער און שאַנד —
(צום לעצטן מאָל אַ פינגערל, אַ זייגערל)
און ווי מען געזעגנט זיך מיט אַ נאָענטן פריינט,
וואָס פאָרט אַוועק אויף לאַנג
אין אַ פרעמד און ווייט לאַנד —
גיבן זיי אָפּ דעם משכון שנעל דעם מלווה אין דער האַנט.

דער מלווה נעמט דאָס פאַרזיכטיק און פאַנגט אָן שאַצן —
זיין פנים ווערט מיט אַ געמאַכטן ערנסט שנעל פאַרצויגן:
און ער באַט תמיד אָן די קלענסטע פרייז —
וואָס מערער נויט ער לייענט אין איינעמס אויגן.

(ב)

מען גייט אַלעמאָל מיט איילנדיקע טריט
פון אַ לאָמבאַרד אַרויס:
ווי ס׳יאָגט זיך שניל צום ערשטן מאָל
אַ ייִנגל — פון אַ שאַנד־הויז.

מען מיידט באַקאַנטע אויס,
ס׳פאַרפאַלגט, ווי נאָך אַ זינד, אַ שרעק.
אויף אַהיים צוגיין זוכט מען אויס —
דעם שטילסטן הינטער־וועג.

(ג)

די פינגערלעך, די זייגערלעך, אין טונקעלן לאָמבאַרד,
ליגן איינגעהילט אין שיכטן שטויב.
זיי האָבן אויף זייער אויסלייז־טאָג זיך ניט דערוואַרט —
מ׳האָט פאַרשפעטיקט קומען אויסלייזן דאָ דעם רויב.

אַ צירונג היילי קע פון געבורט־טעג, פון חתונה־געשאַנק,
פון שווער־פאַרהאָרעוועטע גראָשנס אָפּגעשפּאָרט אַ יעדן טאָג —
די פרייז פון נויט וויינט אַרויס פון אייערע שיכטך־שטויב,
און אייער געדולד פאַרהוילן איז אין שטומען קלאָג.

ליגט רואיק דאָ אין שוי־פענצטער צעשטעלט.
געדולדיק טראָגט די לאַסט פון צייט און שטויב:
עפּעס טליעט דאָ, און מיט דעם פלאַקער פון דער וועלט —
וועלן אַלע קומען איינמאָנען מיט שטאָלץ זייער משכון־רויב.

אַ לויב

אַ לויב, אַ לויב, אַ לויב צו די —
וואָס זיינען פון דער וועלט דער פונדאַמענט:
וואָס גייען איינגעשפּאַנט אין יאָך פון מי —
מיט דורות שטומער זאָרג און חושכדיקע הענט.

וואָס ווייסן ווייניק אין די קלוגע ביכער,
און וויפל אומרעכט אין זייער נאָמען מען באַגייט:
נאָר וואַקסן מיט דער חכמה פון דעמבעס, און זיינען זיכער
אַז סע מוז אַ טאָג אַ בעסערער פאַר זיי זיין צוגעגרייט.

זיי דולדן לאַנג ווי שטומע פי —
נעכט — אָן שטערן, טעג — אָן זון:
ביז סע קומט אַ טאָג און פון זייער מי
און זייער געדולד — ווערט אַ טייפון.

הימן צום חלום און אויסדויער

— דו קומסט מיט ליכטיקער עקשנות.
מיט אורגלויבן אין אייגענעם באַרוף!
און ווי אַ פעלדז באַלאַדן איז געדולדיק דיין גוף —
מיט שטומען, שטומען אויסדויער.

דו בליסט אין האָפענונג,
און פרעמד איז דיר דער לאַנגווייל פון טרויער:
דיין אורגלויבן איז בלויז צו מעסטן מיטן כוח
פון דיין חלום און דיין גלויבן.

— דיך לאָקט אומדערמידלעך —
ווי דורך מאַטע שויבן,
אַ פאַרטרויענדיקער שטערן אין דער הויך,
די שיין — פון דיין באַשערטן ציל און צוועק.

— דו קערסט אָפּ דיין אויער
פון בלינדער אָנפאַרטרוילעכקייט,
ווי פון פאַרפירערישער, רייצנדיקער יונגפרוילעכקייט;
ווי פון אַ פאַרדעכטיק־נאַרנדיקער האַנט —
וואָס דראָעט און שרעקט
דו זאָלסט ניט ווערן זיך אַליין קיין לאַסט אויף וועג —
צו דיין געחלומט לאַנד!

— דיר איז דערווידער דער האַרבער רייץ פון נישט געגרייפטן גליק.
די פרייד פון צופעליקן פאַראויס!
דיין יעדער דורכפאַל איז צו באַנייטן אימפעט אַ שטויס,
צום פאַלמעסן יעדן מינדסטן אויפגלי פון צווייפלהאַפטן זיג!

— דו גאַרטסט און וואַרטסט אויף טרייסט פון קומענדיקן שטורעם.
דו ברענסט מיט אומגעדולדיקן געדולד צו ווערן פורעם,
צו ווערן חלף פון צונג,
צעוויג פון גלאָק,
אור־קול,
פרייד־געשריי פון נייעם טאָג!

דו וואַרטסט געשטאַלט מיט גלויבן און מיט אויסדויער —
די צייט זאָל טאָן אַ ווינק, אַ ריר,
אַ צי דיך ביי דעם אַרבל!
— גענוג!
— גענוג געלייטערט זיך אין שטאַמל פון לאַנגן שטומען!
גענוג געשליפט דיין אויסדויער —
אויף שאַרפשטיין פון געדולד און שטומען טרויער!

— פיר דורך דיין שליחות!
מעק אָפּ די ביז איצט פאַרשאָלטענע צווישנשייד:
צווישן טאַט און רייד, און רייד און טאַט!
טרוקן אויס דעם טייך פון האַס!
פאַרטרייב די פינצטערע פאַרראַט!
פאַרקנאַס און פאַר —
געדאַנק מיט געזאַנג:
חלום מיט וואָר! . . .

— ווער האָפנדיקע פאַרגעבונג!
— זיי שעפערישע דרייסט!
— ווער אייביקע באַלעבונג!
— זיי אָטעם פון גייסט!
— ווער ליכטיקע באַפרייאונג!
— זיי אייביקע באַנייאונג!
— — — — — — — —
און דו הערסט,
יערסט,
און ווערסט! . . .

ליד מיט צוגעשריבענער הקדמה

„. . . וואָס מענטשן פון איבער דער גאַנצער וועלט האָבן געטאָן פאַר אונדז, די אַרבעטער און די גרעסטע מוחות און הערצער, איז אַז שום צווייפל אַ באַווייז אַז אַ נייער באַגריף פון יושר אַקערט אַ וועג. . . דאָס וואָס זיי טוען פאַר אונדז האָט מען אַמאָל בלויז געקענט טאָן פאַר הייליקע און קעניגן. דאָס אַלץ איז פאַראַגרעס".

(„בריוו פון דערהעם תפיסה", באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי")

צוגעשריבענע הקדמה

. . . מען זאָגט, אַז אין אַלטע מעשה־ביכלעך
ווערט דערציילט און פאַרגעשטעלט:
ווי צוליב די לעבנס פון איין שוסטער און איין פישער־יונג —
האָט אַמאָל די גאַנצע וועלט אויפגעציטערט,
און פאַר זיי זיך איינגעשטעלט! . . .
נאָר איצטער, דורך לאַנגע יאָר פון גיהנומישער נאַכט —
קלינגט אַפילו די מעשה פון דער מעשה—ווי אינגאַנצן אויסגעטראַכט!...

ל י ד

(א)

סאַקאָ, דו ליידנספולער שוסטער, געליבטער מאַן,
טאַטע פון צוויי קינדער: אינעז, און זון — מיט אומשטערבלעכן
נאָמען — דאַנטע!
און דו, וואַנזעטי, פיש־פאַרקויפער, מיט הויכע קינבאַקן, הויכן שטערן,
מיט לאַנגע וואָנצעס, מיט אויגן וואָס גליען ליבשאַפט ביז וואַן!
פון שמאָלן, אומבאַקאַנטן שטעג זייט איר אַרויס אויף ברייטן שליאַך,
ווי אַלע וויזיאָנערן.
אין יסורים פון מאַרטירער האָט איר זיך ביידע צעבליט און צעפרילינגט:
אייער פיין האָט אייך פאַרזיווּעגט! אייער לייד האָט אייך פאַרצווילינגט!
דערמאָנט מען איינעם — דערמאָנט מען ביידן:
— אין טויט ווי אין לעבן קיינמאָל צום צעשיידן!

(ב)

דורך יאָרן וואָס איר זייט אין צעלן פון תפיסה געזעסן געפאַנגען,
אין שאָטן פון טויט — וואָס האָט שטום איבער אייך מיט אומפאַרמייד
געהאַנגען —
זיינען אייערע לעבנס דאָרט ליכטיק ווי צוויי שטערן אויפגעגאַנגען!

דער יושר פון אייערע געקריוודעטע שיכטן —
האָט דאָרט אויפגעלויכטן ווי אַ פלאַם,
און אַריבערגעלויכטן איבער געפּאַר,
און צו מרידה גערופן אייער ליידנדיקן שטאַם.
— וואָס מער איר האָט מוטיק געוואָרפן די הענקער
פון הינטער די גראַטעס — אין פּנים — פאַראַכט,
אַלץ שטייפער האָט די נאַכט פאַרצויגן דעם לינטש־שטריק,
איבער אייער פינצטערן גזר!
אין טויט זיינען אייערע לעבנס אַרויס פון אייער רשות, אַריבער די ברעגן —
און ס׳איז די גאַנצע וועלט פון יושר אייך געקומען אַנטקעגן! ...

(ג)

סאַקאָ־וואַנזעטי, ווער ווייסט צי איר אַליין האָט פון אַ סוף אַזאַ געאַנט!
סאַקאָ־וואַנזעטי, ווער ווייסט צי וואָלט אייער לעבן נישט געקאָנט אויך אַנדערש זיין?
— אומבאַוואוסט און גרוי, — אַ לעבן אין יאָך פון געוויינלעכע שווערע יאָרן איינגעשפּאַנט!

— ווער ווייסט?
— ווער קאָן וויסן דעם באַשייד?
ס׳איז נישטאָ נאָך די פרייד — ס׳איז נישטאָ נאָך די לוין —
וואָס זאָל זיין גרויס גענוג צו פאַרגיטיקן פאַרן געוויינלעכסטן לעבן —
מעג אַפילו שפּעטער טויט פון טויט וועבן —
אַ מאַרטירער־לעגענדע אין אַ דערנער־קרוין! ...

ווער ווייסט?
— איך ווייס נישט!
ווייל ווער האָט וועמען די רעכט צו משפּטן געגעבן:
— וואויל וואָס מען האָט אַזוי יונג אייערע יאָרן פאַרלאָשן, ווי ליכט!
— וואויל!
— דער טויט האָט אייך סיי־ווי באַלוינט טויזנט מאָל מער
ווי דאָס לעבן! ...
— ווער ווייסט?
איך, ווייס נישט!

(ד)

איך ווייס בלויז:
אַז דורך די יאָרן וואָס איר זייט אין צעלן פון תפיסה געווען געפאַנגען
אין שאָטן פון טויט — וואָס האָט שטום איבער אייך מיט אומפּאַרמייד
גען —
זיינען אייערע לעבנס ליכטיק, ווי צוויי שטערן, אויפגעגאַנגען!
אייער אומגליק האָט מיט טיפן זין, ווי אַ טייך נאָך אַ רעגן,
צעוואָקסן זיך, אַריבער די שמאָלע, אומבאַקאַנטע ברעגן,
אַרויס פון אייער רשות! אייער מוטיקן גאַנג האָט קיינער
ניט געקענט פאַרהאַלטן!
און ס'איז די גאַנצע וועלט פון יושר אייך געקומען אַנטקעגן!
— איר זייט געוואָרן אַלעגאָריעס, וואָרע סימבאָלן,
פּאָעטן זינגען אייך לידער. שפּילער שפּילן אייך.
מאַלער מאָלן —
אַריין אין ראָם פון דער אייביקייט — אייערע ליכטיקע געשטאַלטן!...

1931

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס חלום

„. . . ביי לעאָנאַרדאָן זיינען פאַראַן שטודיעס וועגן דעם ווי אַזוי פייגל פליען: אָבער מער פון אַלץ האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דעם פאַרעקשנטן אָנשטרענגונג צו דערפינדן אַ פלי־מאַשין. דאָס איז געווען זיין גרעסטער, זיין טיראַנישסטער חלום! . . .“

(אַנטאָנינאַ וואַלענטין)

„. . . סע פאָדערט זיך אַ נייער אופן פון דענקען אויב די מענטשהייט וויל ניט אומקומען און וויל איבערגיין צו העכערע מדרגות. . . . מיטן דער־פינדן די אַטאָם־באָמבע האָט דער מענטש אַריינגעקראָגן אין זיינע הענט אַ גע־וועהר מיט וועלכן ער קאָן באַגיין זעלבסטמאָרד . . . מיר קאָנען זיך ניט פאַר־לאָזן אויף גענעראַלן, סענאַטאָרן, און די דיפּלאָמאַטן זיי זאָלן געפינען אַ לייזונג דערפאַר אין משך פון דורות . . . מיר וואָלטן דאָס געווען געקאָנט נוצן ווי בילדונג פאַר נייע אידייען . . . ס'איז נישט קיין פּראָבלעם פון פיזיק נאָר פון עטיק“.

(אַלבערט איינשטיין, 1946)

I

מיטזומערדיקער, מילדער, מילאַנער פריער פאַרנאַכט,
ביים סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט:
— וועלט ביים ראַנד פון גרויסער ענדערונג,
פון גרויסע וואונדער,
און נאָך גרעסערע השגות:

לענדער גייען פון האַנט צו האַנט.
מלוכות שטייען אויף. מלוכות פאַלן.
ווי תמיד ראַנגלען זיך גערעכט און אומגערעכט:
דער שטאַרקער איז זעלבסטזיכער, האַרט און שלעכט.
דער שוואַכער איז גוט, געהאַרכזאַם און גערעכט.
און סע גייען דאָ (ווי תמיד און ווי אומעטום)
דער גערעכטער און דער אָרימאַן —
אין דער צייטס שפּאַן.

הײנט, װי אײביק, פֿאַלט דאָ צו אַ לירישער פֿרי־אָװנט
מיט שטילן, נאָגנדיקן בענקען:
קלױסטער־גלעקער קלינגען.
קילע שאָטנס װערן קילער.
אױף די מערק װערט שטילער —
און הענדלער פֿאַרפּאַקן שױן די סחורות.
דורך פֿענצטער פֿון טאַװערנעס און פֿון שענקען
טראָגט זיך שױן דאָס שיכורע זינגען
און װײנענדע אַקאָרדן פֿון גיטאַרעס.

לעאָנאַרדאָ גלעט צאַרט די קאַץ אױפֿן דיל —
און געזעגנט זיך מיט איר.
ער מאַכט צו שטיל די טיר פֿון זײַן אַטעליע,
און כאַפּט צום לעצטן מאָל אַ בליק
אױף זײַנע בילדער, אױף זײַנע מאָלערײַען אױף די װענט.

ער שלײַכט זיך אַרױס אױף דער גאַס,
און לאָזט זיך מיט דער אָונטצײַט דער מילדער —
דורך גערטנער,
דורך גאַסן און געסלעך,
איבער ברוק און איבער בריק —
צום קעניגלעכן הױף,
װאו הערצאָג לודאָװיקאָ ספֿאָרצאָס
האָט הײַנט פֿאַרברײט פֿון זײַנעטװעגן
אַ גרױסן, פֿײַערלעכן פֿעסט.

לעאָנאַרדאָס פּנים לױכט.
די אױגן שטראַלן מיט יום־טובֿדיק געמיט.
דורך זײַנע לאַנגע, זײַד־געקרױזטע (מײדלשע האָר)
גליטשט זיך לײַכט אַ שטיפֿערישער װינט.
לײַכט און װינטיק זײַנען זײַנע טריט.
נאָר זײַנע אױגן — קינדיש און גרױס —
זײַנען הײַנט נאָך קינדישער, זײַנען הײַנט נאָך גרעסער.

אַ יונגע לבנה לויכט־אויף — אַ צעבויגענער מעסער,
און פול מיט שטוין, און פול מיט פאַרוואונדער —
איז דער טיפער זין אין טיפן גלי פון זיין בליק:
— מען טאָר ניט פאַרצווייפלען!
— ס'איז דאָך פאַראַנען דאַנקבאַרקייט און לוין!
— נאָר ווער וועלן זיין די געסט?
— און וואָס וועט מען דאָרט וועגן מיר היינט זאָגן?!...

מען טאָר זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגן:
— נישטאָ, נישטאָ קיין גרעסער גליק
ווי צו וויסן — אַז דו האָסט די צוגעציילטע צייט און מי אין לעבן
פאַרשווענדעריש נישט אויסגעגעבן!
— אַז ס'האָט דיין קורצע ווייל דאָ אויף דער ערד
גערייפט, און פול געוואָרן — ווי געגאָרט, און ווי באַשערט!
אַז ערגעץ־וואו איז תמיד עמיצער פאַראַן, וואָס נעמט אויף
דיין מי דורך טעג פול מאַטער, דיין חלום פון נעכט אָן שלאָף!...

נאָר ווי ער האָט פונווייטנס נאָר דערהערט
דאָס פעטע קול פון דעם הויפנאַר און חונף בערנאַרדאָ,
(האַלב־לץ און האַלב־פּאָעט)
איז אים אומעטיק געוואָרן,
און מער ווי אומעטיק —
ווען ער האָט דערהערט ווי דער עולם לאַכט,
און וואָס פאַר אַ ווילדע הנאה ער האָט —
ווען בערנאַרדאָ האָט אים צוגעטראָפן זינגענדיק דעם לוסטיקן קופּלעט:
„דאָס לעבן יאָגט זיך גיך־און־גיכער.
קיינער איז דאָ היינט נישט זיכער —
ווען ס'לאָקערט אומעטום געפאַר!
די שונאים זיינען וואַך און לויערן,
— זאָל טרויערן דער נאַר!
דער חכם ווייסט בלויז איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט:
— זאָל לעבן לודאָוויקאָ, אונדזער חכם! אונדזער העלד!"...

ווען לעאָנאַרדאָ האָט דאָס דערהערט —
איז אים באַפאַלן אַ טיפער צער.
פּלוצים זיינען שווער געוואָרן זיינע פיס.
שווערע ספקות האָבן ווידער זיין געמיט גענומען נאָגן.
און ווי ס׳וואָלט אינמיטן טאָג פאַרלאָשן זיך די זון
איז אים געוואָרן פינצטער טיף אין האַרצן.
— וואָס וועט ער דאָרטן טאָן ?
— וואָס קער ער זיך אָן מיט בערנאַרדאָן ? . . .
נאָר אַז ער האָט זיך דערמאָנט וואוהין ער איז פאַרבעטן —
האָט ער זיך אויסגעגלייכט,
און זיך אַריינגעשלייכט אין קעניגלעכן הויף.

II

— לעאָנאַרדאָ . . . לעאָנאַרדאָ . . . האָט ער געהערט
מורמלערייען אין אַלע ווינקלען —
ווי נאָר ער האָט די שוועל פון הויף באַטראָטן.
זשיראָנדעלן האָבן פרעך געלויכטן.
פון טיפע, גאָלדענע בעכערס האָט אַלטער ווייַן אַרויסגעפינקלט —
און מיט באַרוישטקייט די טריט באַשווערט.
דער הערצאָג אַליין האָט אים באַגעגנט,
און מיט שטאָלץ אים פאַרגעשטעלט
פאַר די גרויסע לייט פון קעניגלעכן יחוס.
די שענסטע יונגפרויען און דאַמען
האָבן מיט אים טאַנצן זיך אָנגעבאָטן.
און אַפילו די שענסטע פון אַלע, פרינצעסין לוקרעציאַ,
איז צו אים צוגעשטאַנען:
— דערציילט אונדז פון אייערע דערפינדונגען !
מיר ווילן הערן, ווי אַזוי אייערע שטאָלענע פייגל
וועלן זיך טראָגן אין די ספערן !

לעאָנאַרדאָ האָט זיך פאַרנייגט.
האַלב־שעמעוודיק גענומען שטאַמלען,
און שווער, ווי דאָס אויפהייבן אַ שווערן שטיין,

איז אים אָנגעקומען דער אָרעמסטער געדאַנק.
דער הערצאָג האָט באַרואיקט די געסט,
און ווען ס'איז שטיל געוואָרן —
האָט ער מיט שטאָלץ דערקלערט דעם זין פון היינטיקן פעסט.
און מיט קיין איינציק וואָרט אפילו נישט דערמאָנט
לעאָנאַרדאָס צייכענונגען, פרעסקאָס, מאָלערייען.
ער האָט בלויז דערמאָנט לעאָנאַרדאָס פלי־מאַשין,
וואָס וועט פאַרטיליקן אַלע שונאים;
וואָס וועט ברענגען טויט און רויִן
פאַר די וואָס וועלן וואַגן זיך אַנטקעגנשטעלן דעם הערצאָג!
ער וועט איינגעמען די גאַנצע וועלט...
זיין וואָרט וועט זיין געבאָט!...

אַ ווילדע צופרידנקייט האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים.
און ער האָט מיט שטאָלץ געווענדט זיין בליק צו לעאָנאַרדאָן
(וואָס איז געזעסן ביי זיין רעכטער זייט).
פאַרטאָן אין זיך, האָט ער נישט געזען ווי פון זיינע רייד
האָט אַ טיפער, טיפער טרויער
אויף לעאָנאַרדאָס פּנים זיך פאַרשפּרייט.
לעאָנאַרדאָס יום־טובדיק געמיט איז ווי אויסגערונען.
אַוועקגעפלויגן.
קאַטאַסטראָפע נאָך קאַטאַסטראָפע, אומקום און רויִן —
זיינען פּלוצים אויסגעוואָקסן פאַר זיינע אויגן.
די צונג האָט געגליווערט אין זיין מויל.
און ער האָט זיך אַליין געפרעגט אין שטומען גרויל:
— איז דאָס דער ציל, דער זין, וואָס דו האָסט זיך געשטעלט —
דיין פלי־מאַשין זאָל טויט פאַרשפּרייטן אויף דער וועלט?!...
און ער האָט זיך אַליין דורך קריצעניש פון ציין
געענטפערט, דורך שטום און יאָמערדיק געוויין:
— ניין!
איך האָב געוואָלט דעם מענטשן אויפהייבן פון שטויב פון דרערד!
— ניין!
איך האָב געוואָלט דעם מענטשן גיבן פליגל!
איך האָב געוואָלט אין שכנות ברענגען מענטש מיט גאָט!
אים אויסשמידן אַ קרוין פון זון און שטערן!...

ווען דער הערצאָג האָט פאַרענדיקט רעדן —
האָט אויסגעבראָכן אַ דונער פון פרייד.
הענט מיט בעכערס האָבן זיך געטאָן אַ הויב:
— זאָל לאַנג לעבן דער באַליבטער הערצאָג!
— זאָל לעבן לעאָנאַרדאָ!
מען האָט פאַרביידע נישט געשפּאָרט
קיין חניפה און קיין לויב.

נאָר פאַרהוילן האָבן אויגן גיריקע געברענט פון קנאה.
— אַ מאָלער, אַ פּראָסטער שמירער, זאָל צו אַזוינס זיך דערדינען? . . .
אין אַ ווינקל האָט דער לץ בערנאַרדאָ אין טרויער און אין טיפער שנאה
געזונגען פאַר זיך אַליין
אַזאַ טרויעריקס —
אַז ס'וואָלט רירן געקאָנט אַ שטיין! . . .

ווען לעאָנאַרדאָ האָט דערפילט אויף זיך
די פאַלשע בליקן און די חניפהדיקע רייד
פון די אָנגעזשעטע לייט פון קעניגלעכן יחוס,
וואָס זיינען געקומען שיכורן און הורן, ווי די הינט —
און אים לודאָוויקאָס ביסל פריינטשאַפט נישט פאַרגינט —
האָט ער אויך שנעל זיך אויפגעשטעלט,
און אַלעמען באַדאַנקט.

אַ רגע איז געווען שטיל.
דאָס בלוט איז הויך געלאָפן. דאָס האַרץ האָט גיך געקלאַפּט.
דער עולם האָט זיך ווידער צוגעכאַפּט
צום טאַנצן, צום פרעסן און צום זויפן,
און געווען צופרידן — וואָס זיי וועלן מער ניט דאַרפן הערן
די לויבגעזאַנגען פאַר לעאָנאַרדאָן.

פון אַ ווינקל האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט בערנאַרדאָ,
און ווידער לצעווען גענומען.

און ווייטער געדענקט ער:
זיין קאָפּ אויף אַקסלען, ווי אַ שווערער מילראָד.
אַ שווייס אויף שטערן, ווי אין פיבער.
ווי ער שלעפּט זיך אויפן וועג אַהיים —
דורך גערטנער, דורך גאַסן, דורך געסלעך,
איבער ברוק און איבער בריק —
ביז ווייט הינטער דער שטאָט.
די נאַכט געווען איז טונקל און געהיים.
דער הימל — לויטער, טיף און דורכזיכטיק.
ווי אַלטער ווײַן איז די מילאַנער לופט געווען —
געשמאַק און קעלער־קיל. —
ווי אויף דער ערד איז געפאַלן זילבער פון שטראַלן.
און אַז די הייזער האָבן ווי אַלעמאָל געדרימלט פּאַרכטיק און שטיל.

טאַטע־מאַמע ליגן וואַך
און חלומען פון זייערע זין אויפן שלאַכט.
— לעבן זיי? צי זיינען זיי פאַרלוירן?
אלמנות און יתומים שעלטן דעם טאָג פון זייער געבוירן.
און די קלויסטערס זיינען פול מיט בתולות
וואָס זיינען געקומען גאָט זיך אָפּגעבן.
ווי סע וואַלגערן זיך דאָ ווי אומעטום דורך אַלע נעכט —
אומגליקלעך־אַנטוישטע, און סע נעמט זיך נישט קיין שלאָף צו זייערע אויגן —
חלומען זיי פון גליק, ווי פון זומער־פייגל — וואָס זיינען זיך צעפלויגן.
— די אייביקע שרעק פאַרן טויט! די אייביקע לאַסט פון לעבן!...

III

און נאָך געדענקט ער:
ווי ער קומט צו צום הויז.
ווי ער עפנט פון זיין אַטעליע די טיר.
ווי זיין קאַץ שפּרינגט אים אַנטקעגן פייל־פון־בויגן,
מיט גרינע פייערלעך אין די ביינאַכטיקע אויגן.
ווי ער פאַלט אַוועק אין פיבערדיקן דעליר.
ווי די פיס זיינען מיד דעם נאָך־מידערן קאָפּ צו טראָגן.
קוים־קוים ער קאָן דעם אָטעם כאַפּן.
די שלייפן שלאָגן.
ווי דאָס האַרץ נעמט שנעל און האַסטיק קלאַפּן.
און מער געדענקט ער גאָרנישט.
גאָר־ניט.

ווי אין אַ טראַנס און דורך געוויין —
הארבע טענות אויף אַ קול צו זיך אַליין:
— נישטאָ נאָך קיין מלחמה וואָס איז הייליק!...
און אין אַן אומגערעכטן זיג — וויל איך נישט האָבן קיין חלק!
און פיינט האָב איך די חברה וואָס איז מיטן מויל געאיבט,
און בראָקט ווערטער נאָכאַנאַנד און שיבט —
און זאָגט גאָרנישט מיט אַ ים פון רייד!
גלייך ווי ווערטער וואָלטן נישט, ווי מענטשן, געליטן בושה, געליטן פיין,
און נישט געוואוסט פון פרייד!

— און דאָך, ווי גרינג עס גיסן זיך די גראַמען
ביי דעם לץ און הויפנאַר!
— עס האָט פון שאַנד דאָס פנים מיר גענומען פלאַמען
פאַר דעם גורל פון ווערטער,
פאַר זייער אומבאַהאָלפנקייט און צער!

— מיר קומט אָן שווער, זייער שווער,
צו באַנעמען און דערקלערן
אַ נייעם איינפאַל, אַ נייעם געדאַנק.
איך באַדאַרף אים פריער לאָזן רייפן, צייטיקן און יערן —
ביז ער ווערט פאָרם ,אויסדרוק,
ביז ער נערט זיך מיט מיין בלוט —
און ווערט ווי טרויבן פול מיט שיכרות פון געזאַנג!

— איך ווער נישט מיד צו פֿאָרן פֿאַרבן.
איך ווער נישט מיד צו כּאָווען ווערטער —
ביז איך קריג די פֿאַסיקסטע ליניע,
דאָס שפּאָרעוודיקסטע וואָרט —
וואָס באַהעפֿטן זיך מיט ריטם און גאַנג
פֿון מיין געזאַנג און געדאַנק —
וואָס איך פֿאַרצייכן און איך באַמאָל.

— ס'איז וואָר, איך ווייס מיין ווערט:
די חכמה פֿון מיין טאָג־בוך בלויז וואָלט קלעקן
נישט נאָר צו מאַכן פֿון די הויפֿלייט — דענקער,
נאָר אויך פֿון זייערע פֿערד!

איך ווייס וואוהין איך רודער,
און נאָך מער ווייס איך, וואָס איך וויל.
און מעג די שוועסטער, איינזאַמקייט,
מיר זיין אַן אייביקע באַגלייטערין,
און מעג דער אומעט זיין מיר אַ געטרייער ברודער —
שיינט פֿאַר מיין איינזאַם לעבן, ווי אַ שטערן,
דער שטרענגער קאָדעקס פֿון באַשאַף.
און ווי אַ ווירע גלייך —
ציט דער וועג צו מיין העלזעריש קעניגרייך.
צו מיין אויסגעחלומט גליק.
נאָר איך האָב פֿיינט די פֿרעכע חוצפּה
וואָס קומט פֿון אָרעם זיין,
וואָס בלאָזט זיך אין דער פֿיגצטער —
און איז ברוגז אויף דער שיין.

ווייל פֿאָרם אָן געדאַנק —
איז ווי אַ ליד מיט אַ פֿאַרגרייזטן אות.
געדאַנק אָן פֿאָרם —
איז ווי אַ פּנים אָן אַ נאָז.
איך מאַטער זיך אויסצורעכענען:
דעם וועג פֿון שטערן,

דעם קרייז פון זון,
דעם גאַנג פון ווינט!
און יעדע דערגרייכונג איז בלויז
אַ שטויס — צו אַ נייעם פאָראויס! . . .
— — — — — — — — — — —
— ווער ווייסט וואָס לודאָוויקא (מיין מעצענאַט)
טראַכט פון מיר אַצינד?
אפשר הוזקט מען דאָרט פון מיר,
און מען טרייבט פאַר אים (אויף מיין חשבון) שפּאַס און שפּאַט:
— כאַ־כאַ!
און דאָס איז דער וואָס וויל פאַרמעסטן זיך מיט גאָט?
— כי־כי!
און דאָס איז דער וואָס וויל דעם מענטשן גיבן פליגל?
— — — — — — — — — — —
ווער ווייסט, לודאָוויקא קאָן אַמאָל נאָך צומאַכן זיין האַנט . . .
וואו וועל איך נעמען באַרשט און פאַרב, לייוונט און וואַנט? . . .
— איך וואָלט געבליבן ווידער ווי אַ פיש —
אויף דער טריקעניש . . .

— וואָר, דער קריטיקער וואַסאַרי האָט שוין לאַנג געלויבט
די געדולדיקע פּינקטלעכקייט אין מיין בילד, „די ערשטע זינד",
וואָס כ'האָב געמאָלן פאַר דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל.
— אָבער איז דאָס דען אַלץ?
מיך מאַטערן לאַסט פון בערג,
געחלומטע הייכן, טיפע תהומען,
די אומדערמידלעכע מי פון די פאַרטראַכטע ווערק —
וואָס שלומערן נאָך אין מיר ווי פּולע, שעפערישע זאָמען! . . .

— און איך וועל דורכפירן מיין נדר:
איך וועל אַלע שטרויכלונגען באַזיגן!
און זאָל מיין פאַרדינטער רום נישט ווערן
קיין הויקער פון לייכטע דערפאָלגן!

זאָל מיין לעבן זיין אָן אייביק שטייגן, ווי אויף שטיגן —
אין געראַנגל מיט זיך, מיט וועלט,
דורך פרייד און דורך טרערן! . . .

איך וויל מיט ליבשאַפט פון דערפאַרונג
באַהויכן די מיסטיק פון אַנאַטאָמיע,
מיט מאַטעמאַטיק פון מוזיק
דערגרייכן דעם סוד פון פיזיאָנאָמיע.
איך וויל מאָלן קאָליר פון לייב,
שפּיל פון ליכט און שאָטן,
כישופדיק געוועב פון הויט,
פריידיקן צאַפּל פון לעבן,
ביז לעצטן אָטעמצוג,
— ביז טויט! . . .

ווייל גערעכט געווען איז מיין אַלטער מאַעסטראָ ווערראָקיאָ,
ווען ער פלעגט זאָגן:
„דער וואונדער איז נישט וואָר — די וואָר איז וואונדער!"
קאַפּריז און מזל — ווערטער צוויי — וואָס זייבען מיר דערווידער.
און דאָך — באַפּאַלט אַמאָל אַ צווייפל!

מען טאָר זיך נישט באַקלאָגן:
און דאָך —
און דאָך —
הלוואַי וואָלט נאָר פאַרבליבן צייט גענוג
צו גיין אין שפּאַן פון לעבנסיאָך!
דער זייגער טיקט די צייט.
די צייט טיקט אייביקייט.
און מאָרגן קומט פאַר מיר פאַזירן
די פרוי פון אַלע פרויען — מאָנאַ ליזאַ! . . .

— עס ריזלט פרייד אין מיר.
אויפסניי פולסירן אין מיר פרילינגדיקע שטראָמען:
— פאַרשווינדט, פאַרשווינדט אַצינד, צום לעצטן מאָל,
איר אַלע מיינע נאָגנדיקע צווייפלען!
זאָל מער ביי מיר פאַר אייך קיין אָרט נישט זיין!
אָ, שטומע, אומבאַקאַנטע אייביקייט, איך גיי אַנטקעגן דיר! . . .
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

שטיל און מילד, ווי אַ צירקל יונגע טויבן,
פליט אָן דער פרימאָרגן אויף זיידענע פליגל:
לעאָנאַרדאָ שלאָפט.
אַ זיסער שמייכל רוט אַרום זיינע מויל־ווינקלען.
פאַרחלשטע שמעטערלינגען־זון פלאַטערן אויף די שויבן.
טראָפּנס־טוי מיט ליכט באַגאָסן — פינקלען.
די וואַכע קאַץ —
לעאָנאַרדאָס איינציקער הויזפריינט —
וואַשט זיך דאָס פּנים.

די זון קומט צוגאַסט,
און שיינט העל און העלער אויף די בלענדענדיקע שויבן.
מיטן חלום פאַרשווינדט דער שלאָף.
דער פרימאָרגן באַגריסט אים מיט פליגל־פּאַך פון טויבן.
לעאָנאַרדאָ קוקט דעם טאָג אַריין אין די אויגן, ווי אין אַ שפּיגל:
(טאָג, טאָג, וואָס ברענגסטו צוטראָגן אין דיין גאָלדענעם וויגל?)
דער טאָג הייבט־אויף זיינע ליכטיקע וויעס — און באַגלויבט מיט זיגל,

מיט פּאַטאַלן —
די קילע, אומענדלעכע רוימען.
און די אייביקייט טוט אָן אויפן קאָפּ פון קלוגן, מידן נביא —
אַ בלענדנדיקע קרוין פון שטראַלן ! . . .

ער שליסט־צו די אויגן. נאָר ווי אין חלום —
זעט ער נאָך אַלץ ווי עמיץ רייסט זיך צו דער זון,
און טראָגט זיך אויף שווינגענדיקע פליגל
אַלץ נענטער און נענטער צו גאָט ! . . .

די זון שיינט העלער אויף די ליכט־פאַרגאָסענע שויבן.
לעאָנאַרדאָ טוט פלוצים, פון פרייד, אַן אויפגעשטראַלטן ציטער :
און זיין פנים צעשמייכלט זיך
פון זיסער זעליקייט, און אויפגעלויכטן גלויבן ! . . .

הויך און העכער

הויך און העכער.
הויך און העכער.
איבער טורעמס.
איבער דעכער.
איבער בערג — און איבער —
גריבער:
איבער —
איבער —
איבער —
איבער!
— ביז דער זון — דעם פייער־פעכער!

אין דער לענג.
אין דער ברייט.
אין אַ רעדל, אין אַ ראָד:
— אַן עראָפּלאַן מיט אַ פּילאָט!

ער מעסט דעם הימל — אין דער לענג!
ער מעסט דעם הימל — אין דער ברייט!
איבער צאַמען:
איבער צוימען:
איבער מויער און איבער קוימען:
— שלינגט ער שטרעקעס! שלינגט ער רוימען!

גרינגער,
פלינקער,
ווי דער רויך —
פליט ער ביז די וואָלקנס הויך!
חבר מיט דעם ווינט געוואָרן:
מיט דעם אָדלער זיך פאַרברודערט:
— צו דער זון — דעם העכסטן שכן —
ציט אים, פליט ער,
— און ער רודערט!

אַט־אַ שטייגט ער !
אַט־אַ פֿאַלט ער !
אַט־אַ דונערט ער —
אַט קנאַלט ער !
ער נעמט זיך דרייען : ער נעמט זיך שיפּן :
פֿון די הויכן —
ביז די טיפֿן !
פֿון די טיפֿן ביז די הויכן —
נעמט ער שטייגן !
נעמט ער טויכן !
זיג פֿון דורות !
שטויַן פֿאַר יאָרן !
חלום איז אַ וואָר געוואָרן !

— און ביים רודער,
און ביים ראָד,
זיצט דער מוטיקער פּילאָט !
שיכּור, שיכּור פֿון נצחון —
בלענדט דאָס שטאָל !
די פֿליגל פֿאָכען !
— און ווי סע טוט נאָר אַ באַפֿעל ער :
קלאַפּט צום טאַקט צו דער פּראָפּעלער !
און דער עראָפּלאַן איז גרייט :
מעסטן לענג, מעסטן ברייט !
מעסטן הייך !
מעסטן נידער !
— דרייען זיך אין רעדל־ראָד —
צום באַפֿעל פֿון דעם פּילאָט ! . . .

FURNISHED ROOMS

(א)

אין הייזער מיט „מעבלירטע צימערן"
טוט ביים אַריינגאַנג באַלד אַ שלאָג,
(ווי אין אַ פייכטן ווערהויז
אין שענסטן פרילינגטאָג),
— טוכלעקייט פון אַ פאַרלעגערטן גערוך.

אויף פענצטער זאַמלען דאָ שטויב
פּאַפּירענע בלומען אין טעפּ.
ווי זקנים קרעכצן־אונטער די טרעפּ.
און מעג די גרעסטע בריה זיין די ווירטין —
און קערן, און וואַשן אַ גאַנצן טאָג,
און זיך אָפּרייבן ביז בלוט די הענט —
בלייבן די דילן און די סטעליעס דאָ ברודנע,
בלייבן דאָ גרוי און קויטיקלעך די שפּאַלירטע ווענט.

די הייזער איינזאַמען געהיימפול אויף שמאָלע, זייטיקע גאַסן
וואו טעג באַווייזן זיך מיט שלעפעריקע הימלען
אויף שויבן, וואָס דרימלען מיד, פאַרנעפּלט און פאַרטראַכט.
און ס׳בליט אויף זיי אַ וועלקער אומעט פון אייביקן פאַרנאַכט.

די ווירטינס שמייכלען דאָ תמיד נודנע,
(זייערע רייד זיינען ווי צוקערלעך גלאַטע)
באַר שטרענג, ווי וועכטער פון אַ תפיסה,
שפּיאָנירן זיי יעדן איינעמס גאַנג,
זיי לייענען ווי אָפענע ביכער יעדן איינעמס געדאַנק,
זיי ווייסן וואָס איז וואָס און ווער איז ווער.

— זיי פּראָווען אומשולד: זיי מאַכן זיך תמעוואַטע:
זיי ציען אָן אויף זיך ווי מאַנעקינען אַ געמאַכט מינע אַזאַ:
נישט מיר האָבן באַשאַפן די וועלט, די מיאוסע,
און נישט מיר זיינען דאָ אויף אויסצובעסערן די וועלט! . . .

זיי שווייגן ווי די פיש:
זיי ווייסן גוט די לוין ווען פּתח־שין — מאַכט שאַ:
און ווען עס מיינט: — עפן אויף דאָס מויל און דבר!...
זיי ווייסן גוט צו וועמען גוט צו זיין:
צו וועמען שלעכט:
מיט וועמען ברוגז זיין: מיט וועמען חבר:
זיי ווייסן ווער עס לעבט אין לוקסוס: ווער — אין נויט:
נאָר זיי טיילן כבוד צו לויט דער פּינקטלעכקייט —
ווי איינער צאָלט זיין דירה־געלט!

(ב)

ווייניק אַרבעטן פון די וואָס וואוינען דאָ.
און די וואָס אַרבעטן — די זעט קיינמאָל נישט אָן דער טאָג,
— זייער לעבנסוועג איז פול מיט טרויער און פאַרדראָס,
— זייער יעדער לעבנסטאָג — אַ טיפער ביטערער כוס:
זיי מיען זיך ביי שווערער אַרבעט:
זיי קריגן אַמווינציקסטן באַלוינט:
און ווערן זיי אַלט, און קאָנען מער קיין דירה־געלט נישט צאָלן —
ווערן דאָ מי און יאָרן נישט געשוינט.
ווי ברוכוואַרג פירט מען זיי אָפּ —
אויף די עלטערע יאָרן אין הקדש!...

אַ סך כאַפּן זיך צו שיכרות
אַליין נישט ויסנדיק פאַרוואָס.
אַ סך שפּאָרן אָפּ טובערקולאָז —
און שטאַרבן יונג אין שטאַטישע שפּיטאָלן.
זיי הויכן אויס פאַרצווייפלטע די לעצטע טעג
אויף קויטיק בעטגעוואַנט, און גיבן זיך דעם טויט אַוועק —
אין איינזאַמקייט, אָן אַ פריינט און אָן אַ יורש ביי זייער בעט!

(ג)

— זיכער איז: — אַז וואָס מיר רופן „מזל״
האָט זיי פון שווערע ליידן נישט געשווינט.
— מיט איינזאַמקייט האָט זיי די נויט געזאַלבט,
חוזק האָט מיט הפקר איבער זיי געשפּאַסט!
בלויז אַמאָל אין זעלטענע רו־טעג און יום־טובים —
ווען זיי דערמאָנען זיך אין אַלטע פריינט
לאָזן זיי זיך אַרויס צו גאַסט.

זיי זוכן אויף אויפגעקומענע פריינט.
זיי געפינען פאַרפרעמדטע קרובים —
וואָס שעמען זיך מיט זיי,
און רעדן צו זיי פון אויבן אַראָפּ,
מיט אַ דאָזע מוסר אַלס אַ צוגאָב.

פאַרנאַכט, ווען זיי קערן זיך אַהיים,
נעמט זיי אַרום אַן איינזאַמקייט ביז טרערן.

זיי טרעטן האַרט ביי דער ערד.
זיי טרעטן, ווי זיי וואָלטן מעסטן יעדער טראָט.
זיי איז גרינגער אויסצובויען שטעט, אויפצערייסן מינען,
ווי אָפּט דאָס גרינגסטע וואָרט געפינען.

זיי זיינען אויסגעטון פון אַלץ — חוץ גאָט!
נאָר ווי געהיים זינגט אין זיי אָן אויפהער —
אומפאַרשטענדלעך, שטום און שטיל —
גערעכטער פאַרגעפיל:
— אַז פאַרהוילענער זין פון יושר מוז דורך שווערע לייד
אויפרייסן די נאַכט מיט ליכטיקן געבאָט!
— מיט זוניקן באַשייד! . . .

(ד)

די מערסטע טרעפט זעלטן ווען אַדאָ
די נאַכט אין זייערע בעטן:
זיי לייגן זיך שלאָפן מיט דער באַגינען־שעה.
זיי שלאָפן שפּעט אויף טאָג,
און חברן זיך דורך אַוואַנטיורישע נעכט —
מיט שטערן, מיט געפּאַר און מיט לבנה.

אין שכנות וואוינען אָפטמאָל דאָ אונטער איין דאַך:
אַ גנב, אַ גאַסנפּרוי,
און אַ (צום טויט פאַראורטיילטער) פאַרברעכער,
וועמען דאָס געזעץ זוכט אַרום (מיט בכיוון) צוגעמאַכטע אויגן...
זיי זיינען אַלע ווי פון אַ גרויזאַמען בוך אַרויסגעריסענע בלעטער —
פון אומגליק, פון פאַרצווייפל און פון מאָרד!

אַ לעבן איז דאָ אַ שורה מיט אַ פאַרגרייזט וואָרט.
שורות בלאַנקען דאָ אין הפקר —
ווי מעסערס שאַרף און נאַקעט —
ווען רגעס זיינען ביקסן געלאָדן מיט סכנה!...

זיי לעבן דאָ קיינמאָל נישט אויס —
די באַשערטע יאָרן ביזן טויט.
דער מלאך־המות שטייט דאָ איבער יעדן אייגנעם וואַך.
און קוים פאַלט מינדסטער חשד —
אַז דער־און־דער איז אַ פאַררעטער
(ווערט גורל פאַר דער שליחות באַלד געצויגן)
און איידער וואָס און ווען — עס דונערט שוין טראַך־טראַך!
אַ האַנט האָט זיך געצילט, און צום ציל געפלויגן —
איז אַ קויל פון שרויט — און אַ האַרץ געלעכערט!

יאָגט די פּאָליציי: עס קלינגט אַן אַמבולאַנס:
צייטונגען צעפּויקן: — אַ געהיימער מאָרד! . . .
מע ברענגט אויף שנעל אַ טרונע.
דאָס געזעץ מאַכט: שאַאַאַ . . .
— געשען איז צווישן אייגענע אַ סיכסוכל אַ קליינס . . .
אויף מאָרגן גרוילט דער נעכטן אויפסניי —
אין נייעם טראַנס,
און שטעלט אַ צונג אַרויס און שפּאַסט,
און רייצט זיך — נאַאַאַ! . . .
נאָר דער היינט פאַרשפּילט איז ווי אַ שלעכטע קאָרט,
און דער וואָס איז שוין טויט — דעם איז שוין אַלץ איינס! . . .

(ה)

און מיט דער חברותא — אויף דערזועלבער גאַס,
און אַפילו אָפּט אונטער דעמזעלבן דאַך —
וואוינט אויפן העכסטן שטאָק — אין אַ בוידעמשטיבל —
אַ ליכטיקער בונטאַר,
אַ העלזעער, אַ בעל־חלום,
וואָס צעטרייסלט דאָ דעם יאוש מיט אמת ווי אַ גלאָק:
וואָס צעקלינגט אָפּט אין די הייזער — אין תפיסות פול מיט צער
(אין הערצער שווער־באַטריבטע, האָפענונגסלאָזע, מידע!)
רייד פון טרייסט און ליבע, ווי טליענדיקער זשאַר.
— לויכטן אויף געמיטער דאָ ווי פונקען פון מרידה! . . .
— — — — — — — — — —
נאָר אָפטמאָל איז דער בעל־חלום אויך
דאָ איינזאַם און פאַרלוירן:
אַז אויך אייגן בלוט נעמט אויף דאָ מיט מורא און פאַרדאַכט
דעם טרייסטנדיקן חלום: דעם בונד פון גייסט און גבורה —
וואָס דאַרף מינעווען דעם גלויבן — די דורות־לאַנגע נאַכט,
טונקלט אין זיין האַרץ אויך די פרילינגדיקע בשורה!
ווי ס׳וואָלט דער יאוש פּלוצים אים די פליגל אָפּגעשווירן,
דריקט דער דאַך פון בוידעמשטיבל — נידעריק און שווער.
דאָס האַרץ ווערט איינגעשרומפּן, און שטום, און שאַרף, ווי שטאָל!
— טיף אין אויג גליט הייס אַ פייערדיקע טרער:
אין אָנמאַכט פאַלט אַרונטער די דראָענדיקע האַנט:
— דאָס גאַנצע הויז ווערט דאַן אַ טיפער יאָמערטאָל,
פאַרוואָרלאָזט און פאַראייַנזאַמט אויף דער ערד פון שאַנד! . . .

אַמאָל און אַמאָל אין אַ נאַכט

I

אַמאָל און אַמאָל אין אַ נאַכט —
וואָר איז דאָס, מעשה, צי ליד ?
ווי אַלט, זאָג מיר, זיינען די אַכט —
וואָס זיצן אין תפיסה געשמידט ?
— אייביק, ווי טאָג און ווי נאַכט,
העל, ווי דער גלויבן וואָס בליט,
אַלט, ווי די אומרעכט און מאַכט,
יונג, ווי דער סוף פון דעם ליד !

ווי מערדערלעך, ווי קאַלט
עס ווייעט דאָ פון תפיסה־ווענט :
אומהיים שרעקט, ווי אורנאַכט אין אַ וואַלד,
אויף טיר און טויער — אַ שלאָס מיט אומרעכט ברענט.

און טאָג ווי נאַכט, און נאַכט ווי נאַכט,
ביז מידקייט לאָזט קיין טראָט ניט שטעלן :
געפאַנגענע געשפענסטער אַכט —
מעסטן חושכדיקע צעלן.

און יעדער פון די זיבן שפּירט
(וועגן אַכטן לייען צום סוף):
ווי אויף דער פריי דאָס גליק שפּאַצירט,
— ווערט טאָפּלט שווער די לאַסט פון שטראָף.

מיט ביקס אין האַנט שפּאַנט דאָס געזעץ,
און לויערט שטום און שטרענג, און וואַכט :
און דער וואָס איז אין שפּינוועב־נעץ —
דעם ברענגט דער שלאָף קיין טרייסט ביינאַכט !

פיר שפּאַן די ברייט, פיר שפּאַן די לענג,
און שטיין געבליבן ביי דער גראַטע :
דער בליק פאַרגלאָזט ווערט פון פאַרבענק
נאָך הימלפלעק — דער בלויער לאַטע.

עס איילן טעג און יאָרן גייען,
דאָס לעבן גיט קיין צייט אויף באָרג:
אויף יונגע קעפּ הייבט אָן צו שנייען
אַ פריע עלטער — גרוי פון זאָרג.

ווייל וואָס געשען שטייט פאַר די אויגן,
און בליט אין פיין מיט לויף פון יאָרן:
אַ שוואַרצער טינטפלעק — אויף אַ בויגן.
אַ טרויער־דענקמאָל — אין זכרון.

פייניקט אָפט — מער דער געדאַנק
ווי בייזע שטראָף פון תפיסה־וואָן!
פאַרגעסן? ס'איז נישט קיין געטראַנק,
וואָס צאַפּסט דיר אָן ווי ווייַן פון קראַן.

ווער סע בענקט נאָך טאַטע־מאַמע,
ווער נאָך ווייב, און ווער נאָך קינד,
— ווען, און וואו? ווי נאָך אַ ליאַמע
חרטה ברענט, ווי ספירט אַצינד.

שלאָגט מען אָפטמאָל קאָפּ אין וואַנט,
מען ברעכט אויס ווילד אין ווילד געוויין:
פאַרצווייפל פירט ביז שאַרף פון ראַנד —
אָפּט ווערט מען תליון אויף זיך אַליין!

דריי פון אַכט געבראַכט אַהער,
אין בלי פון יאָרן — יונג און צאַרט:
ס'איז זיי נישט צום דערקענען מער —
זיי זיינען גרוי און איינגעדאַרט.

בלויז צוויי דאָ ווערן גלאַט און פעט,
און שמייכלען טעמפּ פון שלאָף ביז שלאָף:
סע מעג שוין קומען וואָס סע וועט,
זיי איז אַלץ איינס — באַגנאַד און שטראָף!

דער זעקסטער כאַפּט זיך אויף באַגינען,
און רעוועט ווילד: געליבטע, ווייב!
ער איז שוין דאָ אַראָפּ פון זינען,
און שינדט פון זיך די הויט פון לייב.

אין פיבער זיין געוויסן ברענט.
זיין אייפּערזוכט גליט סאַמיק־רויט:
ער בייסט די הענט, דיזעלבע הענט,
וואָס האָבן איר געשענקט דעם טויט.

בלויז איינער איז פון נעגער־שטאַם,
און אור־צער רעדט פון שוואַרצן גרייז:
געבוירט — זאָגט ער — איז סם צו גראַם,
אין אַ וועלט פון שוואַרץ און ווייס.

— די וועלט איז זין און גאָטס פאַרשטאַנד,
(ער גאַרגלט פרום אַ יעדער וואָרט):
— נאָר כ׳בין נישט זיכער (און וויזט מיט האַנט) —
צי איז דער גיהנום — דאָ, צי דאָרט! . . .

II

אַמאָל און אַמאָל אין אַ נאַכט —
וואָר איז דאָס, מעשה, צי ליד?
די זיבן געפאַנגען פון אַכט
וואָס זיצן אין תפיסה געשמידט —

פאַר בילבול, פאַר רויב, און פאַר טויט:
אָפּט דאַכט זיי אין נאַכטיקן בלינד
ווי דאָס קול פון דעם אַכטן — אויף נויט —
וואַרפט פלוצים זייער שטראָף און זייער זינד.

דעם אַכטן איצט שטעל איך אייך פאָר:
ער איז נישט געגאַרט און אַנטוישט.
ס׳איז תפיסה און פריי איצט איין וואָר,
— זיין לעבן דאָ פיבערדיק רוישט.

ער איז נישט אַליין און נישט איינזאַם.
זיין זיין דאָ — איז זין און באַטייט:
ער פילט זיך מיט אַלץ דאָ געמיינזאַם —
פונעם ערב פון גרויס־גרויסער צייט!

אים פלאָגט נישט אין פיין דאָס געוויסן —
פאַר אַלץ וואָס געוואָגט און געטאָן:
— אינאיינעם מיט האַרץ אויסגעריסן
וואָלט מען זיין גלויבן, זיין פאָן!

די אָרעמקייט האָט אים געלערנט:
מיט מוט זיך צעשטעלן אין בונט!
די פינצטערניש האָט העל אויסגעשטערנט:
— נויט אויף דער וועלט איז אַ וואונד! . . .

אַז נויט איז דער קוואַל פון די שלעכטסן,
— פון רשעות דער סאַמיקער זאַם!
און אויסראָטן וועט דאָס קיין קרעכצן,
ס'וועט מיט טרערן נישט פול זיין דער תהום! . . .

ביז פון פינצטערע טיפן, וואו סע וואַקסן,
אין געפאַר די מרידה און רעוואָלט:
דער מענטש אַ דערלייזטער דורך שלאַקסן —
וועט אויפגיין אין פריידן געשטאָלט!

אין מאַטער ווערט גרינגער פון טראַכטן:
דער טאָג איילט מיט פאַקל און טאַט!
און אויף וועלט — ווי אויף שאַך־ברעט פון שלאַכטן —
די גערעכטע גיבן דעם לעצטן שאַך־מאַט! . . .

און עק וועלט צו עק וועלט צעפראַלטע —
ווי דאַמבע פון פלייץ אָפּגעריסן:
אויף שטאַנגען די זון אַ צעשטראַלטע,
אינמיטן — דאָס האַרץ און געוויסן! . . .

דורות באַשטראָלטע אָן שטראָפן.
דערוואַרטונג פאַרוואַרטע אָן טרערן:
און סע רוישן — ווי ליכטיקע סטראָפן —
די לויטער געזאַנגיקע ספערן:

III

אַמאָל און אַמאָל אין אַ נאַכט —
ווען וואָר וועט זיין מעשה און ליד:
(סע קומט, זי מוז קומען די צייט!)
נישט זיבן באַפרייט, און נישט אַכט —
נאָר זיין וועט די וועלט שוין באַפרייט:
— וועט קלינגען ווי מעשה, ווי ליד,
דאָס דענקמאָל פון וואָר אויפגעשטעלט:
— געווען איז אַ פינצטערע וועלט!...

מיין דור

ניט פאַרהיילטע זיינען נאָך געווען די וואונדן,
ניט איינגעשטילט נאָך די ירושה־שרעק:
ווען ווידער האָט אַ פייער אָנגעצונדן —
צום צווייטן מאָל — די וועלט פון עק צו עק.

מיין דור וואָס האָט דעם גאַנצן בראַנד געטראָגן
פון ערשטער וועלט־מלחמה מיט גלויבן און באַשייד,
מיין דור, וואָס האָט פאַר יושר זיך געשלאָגן —
און מיט זיינע לעבנס אַלע שלאַכט־פעלדער פאַרזייט.

מיין דור, וואָס האָט צעזונגען זיך באַזעלט,
אַז דאָס איז די לעצטע און גערעכטע שלאַכט,
מיין דור זעט ווידער ווי ס'זינקט די וועלט
אין חושך פון אַ נייער, טיפער נאַכט.

די נאַכט קומט אָנגעזויפט מיט שוידער און מיט גרוילן,
און ס'וואַקסט דער חורבן, די רואינען און די שרעק;
עס פלאַקערט אין דער נאַכט — אַ נייער קרבן עולה,
און ווידער ברענט די וועלט — פון עק צו עק!

די לעצטע פלעקן שניי

אויף הויכע בארג־שפּיצן
די לעצטע פלעקן שניי —
גייען אפּ אין מוטנע שטראָמען.

עס גייט אַפּ מיט לעצטן קאַלטן הויך פון ווינטער
דער שלאַבעריקער פראָסט.

די ערד וואַכט אויף —
פון קאַלטן, ווייסן שלאָף.

פריי־פרילינג האָט שוין ווידער געשטעלט
די ערשטע טריט — אויף שוועל פון וועלט,
און הינטער זיך געלאָזט
פון אַלע בלומען — די ערשטע געסט —
די שמייכלענדיקע דאַפאָדילן.

צוריקגעקומענע פייגל זוכן אויף די שפּורן
פון זייער פאַריאָריקער נעסט.
און די קלוגע ביימער שטרעקן אויס אין פאַרטרויליכן שווייגן —
זייערע אויפגעבליטע צווייגן,
און פאַרבעטן זיי צו זיך
מיט ערשטע שטרענגלעד רויזלעך־ווייסן קאַרשנצוויט.

פרי־פרילינג

ווי דורך אַ שפּרוך האָט איבערנאַכט
— דער גאָרטן פון זיין שלאָף דערוואַכט.

און אַ געהיימע האַנט באַשיט —
די קעפּ פון ביימער מיט יונגן צוויט.

שוואַלבן צווײ — צווײ פרילינג געסט —
פלעכטן שוין פון שטרוי אַ נעסט.

סע לויפט פאַרביי אין שרעק אַ האָז —
און באַרירט קוים שפּראָץ פון גראָז.

און אַ וועווערקע האָפּ־האָפּ!
אויף צווײ פיס — און אין גאַלאָפּ.

אין טויבנשלאַק אַ פרומע טויב —
וואָרקעט נאָכאַנאַנד אַ לויב.

און אַ בין — פון בלום צו בלום —
פון האָניק שיכור — זשומט זשום־זשום!

אָוונט קומט שלאָפט מען איין:
באַרוישט פון קילן שטערנשיין.

קומט פרימאָרגן — וועקן אויף:
טעג באַגילדטע — יונגע שאָף.

שלאָף ביינאַכט — אַ גוט געטראַנק.
זון ביי טאָג — אַ ליב געשאַנק.

און וואו מען שטייט, און וואו מען גייט —
שפּילט פרי־פרילינג אויף אַ פלייט:
— אַ ליד פון זון! אַ ליד פון פרייד!...

ליד פון רעגן

1. פאַר אַ רעגן

קאַראַוואַנען וואָלקנס אויפן הימל רייטן:
אין רייטוואָגן פון ווינט — מיט דונערן און בליצן.
טשאַטעס פייגל איילן זיך אַ היים — פון אַלע זייטן —
(ווער ווייט אין די נעסטן די פייגעלעך באַשיצן?)
עס אײַלט זיך אויך אַ היים אַ שפרינגענדיקער האָז,
קוים־קוים וואָס ער באַרירט דאָס ציטערדיקע גראָז.
און דיביימער — דאָרשטיק — פון דער זון פאַרברענט,
שטרעקן אויס די צווייגן, ווי בעטנדיקע הענט.

ווי אַ רייף, אַ פינצטערניש — נעמט אַרום די ערד:
שפאַנען איין די פויערים אויפן פעלד די פערד.
הינער — צו דעם הינערשלאַק, צום טויבנשלאַק — די טויבן.
און אין קליינע שטיבעלעך צעוואָרפענע — פונוויטן —
קינדערישע פנימלעך גאַפן דורך די שויבן:
— ווי גרויע קאַראַוואַנען — גרויע וואָלקנס רייטן.
ווי סע לויפן קי. ווי דער וועג נעמט שטויבן.
ווי אויף וואַלד און פעלד און אויף שטויב פון וועגן —
שפעדיק נעמט טריפן — אַ זומערדיקער רעגן.

2. אין אַ רעגן

דינע, דינע רעגנדיקע שטעפּ
נייען צו דעם הימל צו דער ערד:
קליינע שטיבעלעך קוקן מילד, פאַרקלערט —
ווי כמאַרעס זיצן אויף די בערג —
היטלען אויף די קעפּ.

דיביימער שטייען מיט צעלאָזטע צעפּ —
און כאַפּן אָפּ דעם אָטעם פאַרן שטורעם.

סע פליסט דער טייך, און שלענגלט זיך אין פורעם:
ווייט —
און ווייט —
און ווייטער —
אַ לאַנגער וואַסער־שלעפּ!

ס'איז פלוצים נאַכט געוואָרן: די זון האָט זיך באַהאַלטן:
דער טאָג האָט אָפּגעקערט זיין פּנים פון דער ערד.
אַ קראָ שניידט דורך די לופט —
מיט פעך־שוואַרצע געוואַלטן:
— קראָ און קראָ און קראָ!
און ווערט אויך פאַרשוואונדן.

סע טוט אַ יאָג אַ בליץ —
דער וועג ווערט העל געצונדן.
נאָך פייערדיקן קריץ —
ווערט: ש . . . און שש . . . און שששששאַאַאַ . . .
אַן ערב־שטורעם־שטילקייט שפּרייט זיך, שפּרייט און שפּרייט —
און פאַלט צו שטילער נאָך ווי פוך פאַלט אויף דער ערד.
— ביז אַ דונער, ווי אַ פּויק, די רואיקייט צעשטערט,
און ווי דורך אַ זיפּ, אַ רעגן — גייט און גייט.

3. נאָך אַ רעגן

דורך די גרויע וואָלקנס האָט שוין אויפגעהויבן
די זון אַ ברעם אַ גאָלדענע — אַ רעגנבויגן.
לעצטע טראָפּנס רעגן פּערלען נאָך אויף שויבן —
ווי שטומע אָפּשייד־טרערן אין די אויגן.

קאַראַוואַנען וואָלקנס — אייביקע נאָמאַדן,
האָבן זיך אין וועג אַריין לאַנג שוין אָפּגעטראָגן.
אָן אַן אויפהער פּלוידערן גרינלעכע קאַסקאַדן,
דיביימער שטייען שמייכלענדיקע, פריש און אויסגעצוואָגן.

אויף אַלץ, אויף אַלעמען, אויף נאָענטן און אויף ווייטן —
ליכט און שאָטן שפּיל, און באַשייד דערפון!
— אויף אַ פּלויט אַ האָן — גאַפּט: — ווי אויסגעלייטערט!
און מיט אַ קו־קו־רי־קו קריי באַגריסט ער שטאָלץ די זון!

אויף וואָרקענדיקע טויבן, אויף קוואָקענדיקע הינער,
אויף פייגל אין די נעסטן, אויף פערד, אויף קי אין שטאַלן,
אויף קינדערלעך — ווי וואונדער, אויף אַלטע — ווי אויף קינדער:
— זומערלעב און זונגעוועב און פריידגעשוועב און שטראַלן!...

4. אויס רעגן

ס'האָט אָפּגערעגנט. און ס'האָבן זיך דערווייטערט
די גרויע וואָלקנס, וואָס זיינען ערשט באַפּאַלן
דאָס קליינע דאָרף, וואו אויסגעלייטערט —
רוט אויף דעם אַצינד אַ קרוין פון גליענדיקע שטראַלן.

דער פּאַסטוך פירט מיט פלייט אַרויס די מילדע שאָף
צום טייך, צום לויטערן — אַ קילער שפּיגל:
אַ שטאָלצער האָן פליט פלוצים אויף אַ פּלויט אַרויף —
גיט אָפּ קאָנצערט, — און פּאַטשט אַליין זיך בראַוואָ מיט די פליגל.

פונוויטנס שטומט דער הויכער באַרג פאַרשטייניקט.
זיין פעלזן־פּנים איז מיט זון און שניי באַשטראַלט.
אין דער גרין־געדיכטער פאַרכטיקייט פון וואַלד
זינגט אויס דאָס האַרץ אַ פויגל, — אָן נאָטן, אויף אויסנווייניק.

און מיט אַ פינגער ביי דעם מויל, אין שטוין, איז פלוצים
שטיין געבליבן —
אַ קינד ביים וועג — און ס'ברענט גאָטס נאָמען אויף זיינע שטומע ליפּן.

זונפאַרגאַנג לידער

1. שיכורע ערד

די זון פאַרגייט. — אַ בלוטיקער מאַראַנץ
לאָזט לאַנגזאַם זיך אַראָפּ אין מערבֿ־זייט:
אַ ווינט באַוועגט דיביימער, ווי צום טאַנץ,
ווי מעסערשאַרפן בלענדט דאָס טייכל פֿון דער ווייט.

אַ ציטערדיקע רו נעמט פֿליסן, ווי פֿון קוואַלן,
סע ליגט פֿון פֿרייד צעשפּרייט אַ שיכורע די ערד.
אַ פֿינצטערער געברום שטייגט אויף פֿון פֿייכטע שטאַלן —
פֿון פֿעטע, זאַטע קי, און שלאַנקע, הייסע פֿערד.

ביז סע שליסט די אויגן צו דער שטאַרבנדיקער טאָג,
איילן פֿייגל זיך אַהיים, פֿאַרשפּעטיקטע, אין פֿאָרן.
זשאַבעס קוואַקען אויס אַ ליבע דיאַלאָג,
און פֿייערפֿליגן ברענען פֿון גלוסט, ווי מעטעאָרן.

דער הימל ווערט באַשפּרינקלט מיט אַ פֿייערדיקן שטויב.
די לבֿנה שווימט אַרויס, ווי אַ ברענענדיקער קאַם.
און מיט דער פֿינצטערניש שטייגט אויף אי שרעק, אי לוסט נאָך רויב,
און דאָס בלוט נעמט זינגען הייס מיט אור־תּאווה פֿון שטאַם.

2. אַקאַציע־בוים

לעצטע, גאָלדענע פּוסטריט —
אויפֿן מזרח־זוים פֿון הימל
און ס'צאַנקט די זון —
און ווערט פֿאַרלאָשן ווי אַ שייטער.

מיט קילן אָטעם —
קומט אָן דער זומער־אָוונט,
ווי אויף ווינט־פֿליגל,
און צינדט אָן שטערן אינעם הימל,
— גרויס ווי פֿייערדיקע עפּל.

פֿאַרגליווערטע שטייען שטום די בערג —
די קעפּ פֿאַרהילט אין לייכטן נעפּל,
און קוקן אויף די פֿעלדער —
וואָס ליגן זאַט און פֿויל און אָפּגעדראָשן.
און פֿאַר מיין הויז —
הייבט אָן דער אַקאַציע־בוים מיט זיינע טונקעלע צווייגן —
צו רוישן און צו פּלאַפּלען אויף זיין בוימיש לשון.

3. גאַב

ווי אַ רייכער סוחר —
האָט דער טאָג זיך אָפּגעטראָגן פון דעם זוניקן יאַריד,
אַרויסבאַגלייט מיט רויש פון ווינט און פייפנדיקע גרילן;
די נאַכט האָט אַראָפּגעגנידערט —
מיט ווייכע, קילנדיקע טריט,
און מיט אַ יונגער לבנה אויפן האַרצן —
ווי אַ פייערדיקער שניט.

פעלדער גראָזיקע האָבן געגומען ציטערן מיט לויב, מיט שטילן,
אוןביימער אין די וועלדער —
האָבן לייכט פאַרנייגט זיך, און געקניט:
— פאַר שפּעדיקער גאָב, פאַר זון און רעגן וואָס האָט זיי צעבליט.
און אַ קוואַל פון דאַנקבאַרקייט —
האָט אויך געגומען שלאָגן אין מיין געמיט! . . .

לויטערע פאַרנאַכטן

ווי אין חלום, אויף ווייכע אקסן —
וויגט זיך אין דרימל די ערד:
און סע האָבן פאַרלאָזן זיך וואַקסן —
דיביימער אין וואַלד — גרינע בערד.

פאַרנאַכט. מיט דעם אָוונט, דעם קילן —
נידערט אַ שטילקייט אַראָפּ:
עס זעגן בלויז שלאָפלאָזע גרילן —
און דולן, און דולן אַ קאָפּ.

די בערג, ווי אַ קייט אין די הויכן —
קייטלען זיך שטאַרקער אינאייגעם:
זיי פּיפּקען מיט נעפּלען, ווי רויכן —
די אייביקע, פרידלעכע שכנים.

אויף פעלדער — פונקען, ווי שטערן.
די פליגן צעלייגן אַ פייער:
און דער וואָס קאָן הערן — וועט הערן:
— ווי סע זינגט שוין די שפע אין שייער.

דין ווי פייער

פאַרחלשט פון בייטאַגיקע היצן —
אָטעמען איצט לייכטער אָפּ דיביימער, דאָס גראָז.
עס זיגזאַגן זומערפאַרנאַכטיקע, שוועבלדיקע בליצן —
און דער טייך ווערט לויטער, ווי געשליפן גלאָז.

ביים ראַנד פון טייך שטייט פאַרטראַכט אַ בוים. —
אַ פראָש רעפּעטירט שוין אויף אַ קול: קוואַ־קוואַ!
די זון גייט שלאָפן. און אין מערב־זייט דער רוים —
מאַסקירטער קאַראַוואַן איילט אויף מאַרדי גראַ.

ווי לאַמטערנדלעך לויכטן אויף די פייערפליגן.
צום לעצטן מאָל צעקרייט זיך אין האַלב־דרימל אַ האָן:
באַלד וועט שוין די סאָווע — וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געשוויגן —
אַ נאַכט לאַנג ווידערהאָלן דעמזעלבן מאָנאָטאָן.

סע האַקט אַ פּיקהאָלץ — האָלץ, צום טאַקט פון קאַסטאַנעטן.
דער הימל פּונקטואירט די נאַכט־מעשה מיט שטערן:
פּלעדערמייז צעלאָזן זיך אויף טונקעלע געוועטן —
און דאָס געהער ווערט דין ווי פייער — די אויגן נעמען הערן!...

ליד צום האַרבסט

אַ האַרבסט, פון אַלע פיר סעזאָנען פון דעם יאָר,
ביזטו מיר ליבער, ביזטו אַמנאָענטסטן דעם טרויער פון מיין בלוט!
געטרייער יורש פון פרילינג און פון זומער —
קומסטו אומפאַרמיידלעך זייער גרויסע שפע אַרבן.
און איידער סע קומט דער ווייסער בער, דער ווינטער,
און נעמט מיט רשעות זייער גרויס עשירות דאַרבן —
טרייסלסטו אַראָפּ די רייפע פירות פון דיביימער,
פירסטו אָפּ אַ היים פון פעלד — דאָס ברויט אין גאַרבן.
און ווען דיין לעצטע שליחות איז דערפילט, און איז פאַראיבער —
פאַרנייגסטו זיך אין בראָנז, אין גאָלד, אין שאַרלאַך און אין רויט.
שמייכלסט קיל און קלוג ביים העלן שיין פון צאַנקענדיקע פאַרבן,
און גיסט זיך רואיק איבער אין די אָרעמס פונעם טויט! . . .

אַ האַרבסט, פון אַלע פיר סעזאָנען פון דעם יאָר,
ביזטו מיר ליבער, ביזטו אַמנאָענטסטן דעם טרויער פון מיין בלוט!
געטרייער יורש פון פרילינג און פון זומער —
קומסטו אומפאַרמיידלעך זייער גרויסע שפע אַרבן.
— נאָר איך בין נישט זייער לעבן נאָר זייער טויט מקנא!

ווי דו וואָלט איך געוואָלט אין רייפער עלטער
מיין פרילינג און מיין זומער אַרבן!
און איידער סע קומט דער ווייסער בער, דער ווינטער,
און נעמט מיט רשעות מיין גרויס עשירות דאַרבן —
וואָלט איך געוואָלט, ווי דו, אַלע מיינע שליחותן פאַרפולן און דערפילן:
פון ערשטן ביז לעצטן אַלע מיינע נאָגנדיקע דורשטן שטילן.
— אויפלויכטן! פאַרנייגן זיך ביים העלן שיין פון צאַנקענדיקע פאַרבן:
שמייכלען קיל און קלוג: און אָן דער מינדסטער טענה —
צושליסן ווי דו די אויגן — און ווי דו רואיק שטאַרבן! . . .

ביים ים

אַ בלױלעכע, אין נעפּל אײנגעהילט האָט זיך אַ מילדע נאַכט איבער דעם
ים־געגנט פאַרשפּרייט.
עס האָבן שטערן העל אין הימל הויך געלויכטן, אַ ווינטל האָט געווייעט,
דער עולם איז אַלץ ווייניקער און ווייניקער געוואָרן, ביי דעם ברעג
פון ים צעזייט,
בלויז וואו־ניט־וואו האָט זיך אַ פּאָרל אַ פאַרליבטס געשפּילט אין זאַמד,
ווי קינדער קליינערהייט,
און ווען ניט ווען האָט זיך אַ זעגל־שיף, פון ווינט געטריבן, שנעל
פאַרבייגעשיפט,
און ס׳האָט פון ווייטן אָפּגעקלונגען אַ געלעכטער הויך פון חברה יונג,
וואָס לאַכט און שטיפט,
און טאַנצט, און זינגט, און ווייסט ניט פון קיין זאָרג, און ווייסט ניט
פון קיין פּיין,
און איז פון יוגנט־לוסט, פון פרישער־לופט, און ים־גערוך פאַרשיכורט
ווי פון וויין.

ס׳האָט אָפּטמאָל זיך פאַרבייגעשיפט אַ פישער אויפן פיש־געפאַנג,
אַ וויטער קלויסטער האָט צו נאַכט־געבעט גערופן, מיט אַ מאָנאָטאָנעם
גלין־גלאָן־קלאַנג.
ס׳האָט נאָענט דערביי געגרילצט אַ גריל,
און איבערן הימל האָט זיך אַרומגעשיפט אַ בלאַסע די לבנה שטיל,
און ווי אַ יונגע פרוי קאָקעטיש נאָכאַנאַנד אין ים וואַסער באַקוקט
איר פּנים שיין,
און אויף אַ פעלזן־שפּיץ ניט ווייט פון ברעג אין ים בין איך געלעגן
אויסגעצויגן אין דער הויך אַליין,
און צוגעזען ווי נאָכאַנאַנד עס ברויזט דער ים, ווי אומרואיק
ער טרייבט אַ וועל נאָך נאָך צום ברעג,
ווי זיי צעשלאָגן זיך אָן פעלזן־שטיין, און ס׳קומען אַנדערע באַלד אָן
און כ׳האָב געזוכט אין דעם אַ צוועק,
נאָך וואָס? און צוליב וואָס? און ווער? און ביז ווי לאַנג?

און ווי דער ים האָט אויך געגומען רעגן זיך אַן אומרואיקער
אין מיין מוח דער געדאַנק:
דאָס לעבן דויערט קורץ, ליבע איז פאַרגענגלעך, שטאָלץ איז פוסט
און רום האָט ניט קיין ווערט,
ס'איז גליק פאַראַן אין לעבן אַזוי ווייניק און ליידן אַזוי פיל,
און ווער ווייסט וואָס איז נאָכן לעבן ערשט באַשערט?

נאָך וואָס? און צוליב וואָס? און ווער?
אומזיסט, איך האָב קיין ענטפער ניט געקראָגן!
עס איז אַזוי פאַרביי אַ שעה נאָך אַ שעה, אין מזרח זייט האָט
גרוי גענומען טאָגן,
און מיט אַ בלענדענדיקער זון און שטראַלן גאָלד האָט זיך אַ נייער
זומער טאָג צעלאַכט.
אין די שטיבלעך ביי דעם ים, האָבן באַלד פון שלאָף די מענטשן
אויפגעוואַכט,
און איינציקווייז און פאַרלעכווייז, ווי נעכטן און ווי אַלע הייסע
זומער־טעג ביים ברעג פון ים צעזייט,
זיינען זיי געקומען דאָרט זיך באָדן, דעם ים־געררוך געניסן,
נאָר אַן אויסגעמאַטערטער פון שאַרפן פיין, פון טריבע ספקות
בין איך אַ שטומער לאַנג, נאָך לאַנג אַזוי געלעגן,
מיין ברודער־פעלז אין ים, האָט אַ פאַרכמורעטער
קאָן זיין, ווי איך געטראַכט דאָסזעלבע, און שטום ווי איך געשוויגן...

אָוונט

(א)

מיט דער בלויקייט פון דעם קומענדיקן אָוונט
גיסט זיך אַ רואיקייט אַ מילדע אין מיינע גלידער:
הימלען — מיט די הענט צו גרייכן אַזוי נאָענט
ווי די שטערן גייען שטיל אין מיר אויף לידער.

די נאַכט קומט אָן אויף זייד־געדויש פון פליגל
צעבליִען זיך אַלץ ברוינער, ברייטער מיינע אויגן:
און איך קוק — ווי אין פנים פאַר אַ שפיגל —
דער אייביקייט אַריין גלייך אין די אויגן.

(ב)

כ׳האָב שאָטנדיק אויף דער ערד זיך אויסגעצויגן
פון טאָגיקן געדויש אַ פיינלעך מידער,
איז שטום געוואָרן דאָס געווייִן פון מיינע גלידער
און כ׳האָב מיט אָוונט־בלוי געשטילט דעם דורשט פון מיינע אויגן.

כ׳בין ווי אַ דעמב אַ שטומער אויף דער ערד געלעגן —
די הענט מיינע, צוויי אויסגעשטרעקטע צווייגן;
אַ ניט־געהערטע שטילקייט, ווי דאָס לעצטע־שווייגן,
האָט שטום פאַרטרויעט מיר דעם סוד פון אַלע וועגן.

פאַרפרוירן געזאַנג

לבנה־ליכט.
נידעריקע שטערן.
סקריפּענדיקער שניי —
אונטער די שיך.
שורות יונגע ביימלעך —
פאַרשנייטע ביזן דיך.

אויף די דאַרע צווייגלעך —
פאַרפרוירענער געזאַנג.
די לבנה ליכטיקט —
ווי אַ גאונס אַ געדאַנק.

ווייטע פעלדזן דרימלען,
ווי גרויסע, ווייסע בערן:
און פון הימל פאַלן —
קושן — ווייסע שטערן.

ווי אין ערשטער אומשולד —
שוועבט אַ רו, אַ ווייסע:
און ס׳וועבט זיך וואָר און חלום —
ווי אַ מעשה אין אַ מעשה.

נעכטן

נעכטן האָט גערעגנט.
רייפער זומער האָט באַגעגנט
יונגן האַרבסט. אַ שטומער
אים דערלאַנגט די האַנט.
זיך באַקאַנט. זיך געזעגנט.
און מיט פאַרמאַכטע אויגן —
חלום גרינג אַוועקגעפלויגן.

ווייסער עפּיטאַף

פרילינג — איז דאָס גרין פון אייביקן בטחון.
זומער — איז די פרייד פון ליכטיקן באַשאַף.
האַרבסט — איז גאָלד און בלוט און טרויעריקער נצחון.
ווינטער — איז דעם טויטס ווייסער עפּיטאַף.

פיר מיך אַפּ אַ היים, לבנה

פיר מיך אַפּ אהיים, לבנה,
ס׳איז שוין באַלד די נאַכט אוועק:
שטערן לעשן זיך און צאַנקען —
עס באַפאַלט מיך אַזאַ שרעק.

לאַמטערנס לעשן זיך אויף ראָגן,
און דער הימל טאָגט אויף גראָ:
פיר מיך אַפּ אהיים, לבנה,
עס גענענט די אוונט־שעה.

כ׳האָב מיט דיר די שטאָט געמאָסטן
דורך דער נאַכט גאַס־איין, גאַס־אויס:
פיר מיך אַפּ אהיים, לבנה,
באַלד קומט שוין די זון אַרויס.

זע, עס לאָזן זיך שוין העגדלער
באַלד אַרויס אויף דעם געיעג:
פיר מיך אַפּ אהיים, לבנה,
פינצטער איז אין דיר מיין וועג.

זע, ווי ס׳שלעפּט שוין פון געלעגערס
מאַן און פרוי — די בידנע נויט:
פיר מיך אַפּ אהיים, לבנה,
מזרח־ראַד נעמט ברענען רויט.

אוי, וואָלט איך איצט איינגעדרימלט
אין דיין טרייסטנדיקער שויס:
פיר מיך אַפּ אהיים, לבנה,
פיר מיך צו ביז צו דעם הויז.

דאָרט וועל איך מיט דיר זיך שיידן,
זיך פאַרנייגן אויף דער שוועל:
פיר מיך אַפּ אהיים, לבנה,
טרערן וואַרגן מיך אין קעל.

וואָס איז דיר דער טאָג פול טומל?
וואָס איז מיר דעם טאָגס יאַריד?
פיר מיך אַפּ אהיים, לבנה,
כלה בלאַסע, כ׳האָב דיך ליב! . . .

קליינע לידער

. . . Oh, wilderness were paradise enow! — Omar Khayyam

(א)

אַ טיש: אַ ווייסער טישטוך מיט אויסגענייטע קווייטן:
צוויי שטולן: אַ רויטער זונאויפגאַנג: אַ וואַזע מיט נאַרציסן:
צוויי גלעזער וואַסער: ברויט מיט האָניק:
מיין רייכע אָרעמקייט ביים טיש געגרייטן.
— ווילסט טייל איך מיט דיר לעצטן ביסן:
נאָר ס׳קאָן נישט דער „גן־עדן״ מיינע לידער מיר מיט רו פאַרזיסן,
ווען גאַנצע וועלט איז אַרום אונדז — אַ שלאַכטפעלד אויפגעריסן! . . .

(ב)

אינמיטן טאָג פון לעבן. מיט יונגן בלי פון זילבער —
געגען איך צו דיר, געהיימניס, געהיימניספולער ווי די נאַכט:
אַ קוק אַריין מיר אין די אויגן, וואָס זיינען מילדער
ווי צוויי הירשן (פאַר אַ וואַסערפאַל) — פון דאָרשט פאַרשמאַכט.

אין איינזאַמקייט טרויערן פאַרבענקטע מיינע פינגער,
און ציען זיך צו דיר אין טרויער גאַנצע טעג:
ביז לידער געפאַנגענע צערוישן זיך און נעמען זינגען,
און זינגען אַוועק מיט אויסגעלייזטער לויטערקייט מיין שרעק.

אַ דו נישט איינגעשטילט געוויין, אין מיין בלוט דורך נעכט
און דורך טעג.
אַ דו אויפגעלויכטער רעפריין, פון מינדסטן באַריר מיטן נאָענטסטן:
מיט צוויי דאָרשטיקע הענט, ווי מיט צוויי פליגל, טו איך זיך אַ שטרעק—
צו אומבאַקאַנטע, צו פול מיט צויבער, צו געהיימניספולע האָריזאָנטן!...

(ג)

איך טראַכט פון דיר אַלעמאָל ווי מען טראַכט
פון אַן איינגעדרימלטן וואַלד ; ווען אַ מילדע נאַכט
וועבט אים אַריין אַ פולן קאָפּ מיט פייערדיקע שטערן,
און האַלט אים אין אירע בלויע אָרעמס שטיל פאַרוויגט.

— מיין אויג האָט נאָך קיינמאָל נישט אויף דיר צו זאָט זיך אָנגעבליקט,
נאָר נאָך מער פון זעען דיך, וואָלט איך קיינמאָל נישט מיד געוואָרן הערן:
— דעם שימער פון דיין קול — אונטער בלוילעכן אייז פון גליענדיקע טרערן.

(ד)

דיינע פינגער טריפן גנאָד
היינט אויף מיין פּנים :
שלאָגט דאָס האַרץ פול פאַרגעבונג —
צו וואָרע, און צו אויסגעטראַכטע שונאים,
און פריינט לויכטן אויף —
מיט בראשיתדיקער ליכטיקייט, ווי גאָט ! . . .

(ה)

פלאַטער, פלאַטער, פלאַטער, מיין ליכטיקע געדענקשאַפט,
(די נאַכט האָט זיך מיט אומגעריכטער פרייד פאַרצויגן !)
אַ זיסער שלאָף פאַרציט די אויגן מיר מיט בענקשאַפט,
און וועקט מיך אויף מיט העלער האָפענונג — אַ רעגנבויגן.

מילדע שעהן שווימען צו צום פאַרטאָגיקן ברעג,
ווי שיפן מיט געהיימע, מיט לאַנג־געגאַרטע געסט.
איך עפן אויף איינאיינעם מיט דעם טאָג — די אויגן,
און שיק אַנטקעגן דיר מיין בענקשאַפט — ווי אַ טויב פון נעסט.

(ו)

דו רעגסט מיט יאַנטעוודיקן העל־בלוי פון טעג :
דו רופסט מיר מיט גלי פון הייס־דרומדיקע נעכט :
הימלען צעהענגען לויטערע טרייסט אויף מיין וועג :
ביזט פאַרטרוילעך און חלום־לייכט ווי געזאַנג —
ווען סע פאַרט זיך מיט רייפן גאָלד פון געדאַנק.

(ז)

דו רוישסט אין מיר ווי אַן אוראַלטער רעפריין.
דו טויכסט אויף אין דערקענטעניש פון מינדסטן באַריר.
איך טראָג דיך אין נאָענטקייט, ווי אַ טאַטואירטן סואווועניר —
איבער שטרויכל: איבער דראָאונג: איבער צאַם:
פון ערשטער ביז לעצטער אויפגעשטעלטער בריק —
דורך טעג און נעכט — בעכערס פול מיט סם.
דורך נעכט און טעג — בעכערס פול מיט גליק.

(ח)

שפעט ביינאַכט. שוין פאַרן שלאָפן —
מיט קילע טריט און צערטלענדיקע הענט,
קומען מיר צום ברעג פון קליינעם האַפן,
מיט וואַכע אויגן פון נאַכט־כישוף פאַרבלענדט.

די נאַכט שווימט אַפּ אַ לויטערע, אַ פרומע,
נאָר שטערן פינקלען נאָך געהיימניספול און שטיל.
פאַרגאַפטע שטייען מיר, און שוויגן ווי צוויי שטומע —
און ס׳ווילט זיך פרעגן, און רעדן אַזויפיל! . . .

נאָר קיינער שטערט די שטילקייט מיט רויש פון רייד און פרעגן,
זעגלען וויגן זיך אויף גלאַטן וואַסערפלאַך.
מיר שוויגן. קליינע שיפלעך דרימלען ביי די ברעגן.
— אפשר דאַרף מען גאָר אינגאַנצן נישט קיין שפּראַך? . . .

(ט)

מיר שטייען לאַנגביים ברעג פון קליינעם האַפן,
און קוקן ווי אויף וואַסערוועגן שיפט זיך די לבנה:
די נאַכט איז מילד, ווי אַ קראַנקנשוועסטער צו אַ שלאָפן, —
וואָס קריכט אַרויס מיט יעדער רגע פון סכנה.

גרינע פיש גליטשן זיך איבער דעם רוקן
פון ים, וואָס דרימלט איצט אַן איינגעמידטער:
— אָ זע, מיט וויפל גנאָד די נאַכט האָט זיך געגומען בוקן,
מיט וויפל לויטערקייט דער הימל זינגט אַן אויסגעשטערנטער הייגט
לידער!

(י)

ס'איז גוט דו ווייסט:
— מען דאַרף קיין ווערטער ברענגען אויף די ליפּן.
— ווערטער ברענגען סיי־ווי נישט קיין טרייסט!

ס'איז גוט דו ווייסט:
מ'קאָן אין שווייגן כליפּען,
און אַז שווייגן אָפּט דערלייזט!

ס'איז גוט און גוט און גוט —
און נאָך בעסער ווי גוט:
אַזויפיל מאָל געפלייסט זיך —
געטענהט מיט מיין בלוט:
— באַגעגעניש — מיינט צעשייד!
נאָר דאָס האַרץ היינט רייסט זיך —
ווי אַ הונט פון קייט! . . .

(יא)

דאָס הויז איז טרויעריק פון זינט דו ביזט אַוועק,
און כ׳דריי זיך אום אַליין צווישן די פיר ווענט:
פאַר די פענצטער זעגלען פאַרביי גאָלדענע טעג,
און אנטקעגן פאַרנאַכטיקן הימל — זעט אויס דער ים ווי ער ברענט.

און שפּעט ביינאַכט, ווען מיט זילבערנעם געזאַנג
באַשרייבט די לבנה גרינע, לאַנגע בויגנס ים:
הייב איך זיך אויף פון בעט, און קוק דורך פענצטער לאַנג,
און שטיל מיין בענקשאַפט מיט דער שיינקייט, ווי מיט סם.

ווערטער וואַכן ווידער אויף, — מעוועס, מעוועס ווייסע,
אין זילבער פון פרימאָרגן פלאַטערן זילבערדיק זייערע פליגל —
און זיי לויכטן מיר אין טרויער, ווי דער כישוף פון אַ מעשה,
ווי דער אמת אין צוויי פאַרטרערטע אויגן פאַר אַ שפּיגל! . . .

(יב)

אַ טיש: אַ ווייסער טישטוך מיט אויסגענייטע קווייטן;
צוויי שטולן: אַ רויטער זונפאַרגאַנג: אַ וואַזע מיט נאַרציסן;
בויגנס — לידער: אַ גלאָז מיט וואַסער: ברויט מיט האָניק:
מיין שטומע איינזאַמקייט ביים טיש געגרייטן:
און ווילִיקייט צו טיילן מיט דיר לעצטן ביסן!
— נאָר איך בין אַליין: און אין פיינפולער דערמאָנונג —
ס׳קאָן נישט דער „גן־עדן" מיינע לידער מיר מיט רו פאַרזיסן,
ווען ס׳איז מיין לעבן — ווי אַ שלאַכטפעלד אויפגעריסן! . . .

זאַלבעצווייט

נאַכט און פינצטערניש — מיר שפּאַנען זאַלבעצווייט,
איך און דו — צוויי שאָטנס אין דער נאַכט:
אַ שטילקייט פאַלט שטילער נאָך פון שניי,
און יעדער אָטעם־הויך איז אַ דערשטיקט געשריי.

די זאַפט אין ביימער רינט און רינט און רינט,
ווי בלוט אין אָדערן — פון רער אין רער דורך רער:
פונאויבן הענגט אַ הימל, ווי פון טינט,
און אַן איינציקער שטערן — ווי אַ פייערדיקע טרער.

נאָר פון דער פינצטערניש גייט אויף און לויערט ווי אַ שלאַנג
אַ פאַרכטיקע לבנה — איבער בוים און גראָז.
מיר טרעטן ביידע אויף צעשטויסן גלאָז,
מיט הערצער צוויי, צוויי אָדלערס אין געפאַנג —
וואָס רייסן זיך און רייסן זיך פון שטייג:
און ווערטער בלוטיקן און וואַרגן און בלייבן שטיין אין האַלדז!...

נאַכט און פינצטערניש — מיר שפּאַנען זאַלבעצווייט,
איך און דו — צוויי שאָטנס אין דער נאַכט:
איך דריק דיין האַנט און שווייג, און שווייג, און שווייג!...
בלוטיק בליט אין טרויער אונדזער בלוטיקער באַשייד —
יעדער אָטעמהויך איז אַ פאַרשטיקט געשריי,
און שטילקייט פאַלט שטילער נאָך פון שניי.

באַלאַדע

— און נאַכט נאָך נאַכט ווען זי פלעגט ליגן ביי זיין זייט,
און אומרואיק זיך וואַרפן, ווי אַ שלאַנג:
איז ער געשלאָפן און נישט געוואוסט ווי ווייט
זי איז געווען פון אים — אין איר געדאַנק.

און נישט געוואוסט, ווי ס׳האָט דער רויש פון אומרואיקן ים
איר האַרץ פון בעט געהויבן, און איר די פיס באַשווערט:
ווי די נאַכט פלעגט זי פאַרוואַנדלען אין אַ פיינענדיקן פלאַם —
ווען וואַך ווי די לבנה איז זי געלעגן און געהערט — — —

דעם אומרו אין איר האַרץ. דאָס שלאָגן פון איר בלוט.
דעם אָטעם פון איר מאַן, זיין הויב־און־פאַל פון ברוסט:
ביז צעפלאַקערט האָט אַ קנאה אין איר האַרצן זיך, ווי גלוט,
אויף דעם וואָס איז געשלאָפן ביי איר זייט, און פון קיין זאַך ניט
געוואוסט.

וואָס איז געשלאָפן און נישט געוואוסט — אַז אַ צווישנשייד פון אַ העמד
קאָן אָפטמאָל מער צעשיידן — ווי די צווישנשייד פון אַ וואַנט:
אַז אויף פוך פון קישן וואַכט גאָר דער גוף אַמאָל פאַרשעמט,
ווען ערגעץ אַנדערש וואָלט געגוג געווען צוקאָפּנס בלויז אַ האַנט.

אַז ערגעץ אַנדערש וואָלט איר גוט געווען צו זיין אַצינד אַ שיף,
פאַראַנקערט מיט איר ווילן אין דעם קלאַמער פון אַ ברעג:
און ליב וואָלט דאָרט געווען איר — די שפּעדיקע טריף —
פון הייס־אָטעמדיקע נעכט און זינגעוודיקע טעג.

ווען דאָ איז זי געווען — ווי אַ שיף אָן אַ מאַסט.
ווי שוואַרצע, רייפע ערד, אומבאַרירט פון אַקערס טראָט:
און געטראָגן האָט זי פאַרטיק איר גורל ווי אַ לאַסט,
ווי איינע טראָגט אום הייליק אַן אַנפאַרטרויטן סוד.

ביז איינמאָל אַ ביינאַכט — איז זי אַליין אין איר העמד,
פאַרכישופט, ווי אין וואַנדל, צום נאָענטן ים אַרויס:
— זיך אָפּגעגעבן דער טיף האַלב־מיידלש און פאַרשעמט —
און אויף אייביק זיך געזעגנט מיט אייגן־פרעמדן הויז! . . .

— —

—

באַלאַדע אין גרוי

ער איז געוואָרן שווייגנדיקער מיט לויף פון יאָרן.
ווי אַ קמצן ,גאָלדשטיק, געקאַרגט אַ וואָרט.
ווי איינער וואָס האָט פּלוצים אַ ליכטיקן זין אָנגעוואוירן —
ווי איינער וואָס צערטלט אַ פאַרטראַכטן געדאַנק פון מאָרד.

ער איז אין אייגן הויז אַ שאָטן אומגעגאַנגען,
מיט אומעט אין די אויגן ווי פינצטערע געזאַנגען,
וואָס דער ווינט ברענגט צו טראָגן — אין אַ האַרבסטיקן באַגינען.

און די, מיט וועמען ער האָט יאָרנלאַנג זיין בעט און ברויט געטיילט,
— פאַרוואָס האָט זי, גראַד זי, דער מזל אויסדערוויילט,
אַז זי זאָל זיין דער זיסער סם אים צו פאַרצערן !

און טראָגן זאָל ער אין שטומער איינזאַמקייט, ווי אַ זיגל,
אין שטאָלצער אומבאַהאָלפנקייט, זיין לעבן — זיין דורכפאַל.
ביז ער איז טויב און בלינד געוואָרן צום רעג און רוף פון פליגל,
און אויסגעמיטן מיט פאַרזיכט, ווי אין שרעק פאַר בלינדן צופאַל,
ער זאָל נישט אַ קוק טאָן אין אייגן האַרץ. ווי ס'מיידט אויס אין אַ שפּיגל —
אַ מענטש, זיין אייגן פּנים — דאָס פאַרברענטע.

נאָר ווי געזאָגט : ער איז געוואָרן שווייגנדיקער מיטן לויף פון יאָרן.
ווי אַ קמצן, גאָלדשטיק, געקאַרגט אַ וואָרט.
ווי איינער וואָס צערטלט אַ פאַרטראַכטן געדאַנק פון מאָרד,
(נישט ווויסנדיק) אַז ער איז לאַנג, שוין לאַנג באַגאַנגען געוואָרן.

די אייביקע שטוב

ס׳איז קאַלט און אומהיימלעך. און סע גראָבן אַ גרוב
דריי אַלטע קברנים, מיט רידלען, מיט בלאַנקע:
סע ווערט פייכטער און טיפער די אייביקע שטוב,
און אונטער די רידלען — די ערד וויינט אַ קראַנקע.

אַ פרוי אין שוואַרצן, און אַן עדה יידן
צעוואָרפענע שטייען אין טרויער געבויגן:
די פרוי אין שוואַרצן מיט פנים מיט מידן —
גלאָצט אין דער טיף מיט פאַרלאָשענע אויגן.

באַלד ברענגט מען אַ מיטה, און לאַנגזאַם אין נידער
לאָזט מען אַרונטער אַ מאַן אין אַן אָרון:
עמיץ פון עדה זאָגט קדיש, און ווידער —
ווערט שטיל, און מען לאָזט זיך אַהיים גיין אין פאָרן.

סע בלייבט בלויז די פרוי אין שוואַרצןביים קבר —
וואו פון האַרבסטיקן וועלק ליגט דאָס גראָז שוין צעטראָטן:
די פרוי שטייט פאַרגליווערט און רירט מיט קיין אבר —
און סע בלייבן אין איין קבר צוויי לעבנס פאַרשאָטן.

פאַרגעס אין מיר . . .

פאַרגעס אין מיר:
פאַרגעס מיין נאָמען:
וואו איך האָב געשטעלט מיין טראָט:
דערנער.
שטרויכל.
ווילדע זאָמען.
מיין בעכער גאַל: מיין טראָפּן פרייד:
— איך זוך ניט מערער קיין באַשייד!
נאָר נאָך מיין טויט — ווי ביי מיין לעבן —
בין איך אַ חשבון גרייט אָפּגעבן:
— גאָט! . . .

איך בין אייך מוחל! . . .

איך בין אייך מוחל —
פאַר יעדן שטיין,
פאַר יעדן שטרויכל
וואָס איר האָט מיר געלייגט אין וועג!
ס׳איז קלאָר און לויטער איצט מיין בליק,
און קלאָר און ליכטיק מיין געזאַנג.

ווי אַ רויכל
ווערט צערינען
אין לויטערע מיט־זומער־טעג:
דערמאָן איך זיך אָן אייך און שמייכל: —
פאַר יעדן שטיין,
פאַר יעדן שטרויכל —
וואָס איר האָט מיר געלייגט אין וועג.

איך בין אייך מוחל!
איך בין אייך מוחל! . . .

מיטנאַכט שעהן

שטילע שעהן.
מיט לויטערקייט געזאַלבטע מיטנאַכט שעהן.
כ׳האָב ווי קינדער שטיל פאַרוויגט מיט נאַכט־רו
אַלע מיינע בייטאָגיקע זאָרגן.
איצט פאַלט אַ מאַטער שיין פון ליכט
אויף מיר, און אויף די ביכער אויף מיין טיש,
וואו איך אָטעם מיט דעם סוד פון אייביקייט.

די אור־אור־אַלטע חכמה
נעמט ביי דער האַנט אָן מיין פלאַטערדיקן געדאַנק
און קרייזט מיט אים איבער די געצעלטן פון געשיכטע.
פון שטומע, אָפענע בלעטער,
געצערטלט פון מיינע בליקן,
וואַכן אויף געשטאַלטן
באַהויכט מיט דעם כישוף פון וואָרט —
און פאַרטרויען מיר דעם סוד —
פון אייביקע מענטשלעכע ליידן,
פון אייביקע מענטשלעכע פריידן.
שטילע שעהן.
מיט לויטערקייט געזאַלבטע מיטנאַכט שעהן.
געבענטשטע שעהן.

צום חוש־הראיה

אַ חוש־הראיה, דו מער ווי אַלע אַנדערע חושים,
ביזט אַ לעבנלאַנג געווען מיין פריינט און קנעכט:
דו האָסט געטריי געדינט מיר פון די ערשטע לעבנסטעג —
און האָסט העל באַלויכטן מיינע פינצטערסטע נעכט.

שוין אַלס קינד האָב איך מיט אויגן פול פאַרגאַפטקייט
געקוקט אויף וועלט ווי אויף יצירה און ווי אויף נס:
אין האַרבסט האָב איך געטרויערט מיט אַלע וועלקע פאַרבן,
און אין פרילינג זיך געפרייט מיט ערשטן שפּראָץ פון בעז.

און פון פרי באַגינען ביז אין שפּעטער נאַכט —
האָסטו מיט מיין געדאַנק געפלאַטערט און געשוועבט. —
איבער צייט און רוים; און מיט דעם שפּרוך פון אותיות
דעם דורות־אַלטן רום פון מיין פאָלק אָפּט אויפגעלעבט.

האָסט מיך מיט ווייטסטן אָרט און ווייטסטער צייט פאַראייניט,
די גרעסטע פריינטשאַפטן און פיינטשאַפטן געשלאָסן:
מיט חכמה האָסטו מיין געדאַנק אַ לעבנלאַנג גענערט —
און אַ זין געגעבן דער אַנטוישונג און פאַרדראָסן.

פון פאַרשטויסנקייט ניט איין מאָל מיך דערהויבן,
פון איינזאַמקייט האָסטו מיך אָפּטמאָל אויסגעלייזט:
און אין שעהן פינצטערע און שווערע —
האָסטו, בלויז דו, געבראַכט מיר שוץ און טרייסט.

און איצט ווען ס'נעמט מיין לעבנסטאָג שוין נידערן,
ווען ווייניק זיינען אונדז פאַרבליבן נעכט און טעג:
אַ אויגן מיינע, נעמט צו מיין לעבנסלאַנגע דאַנקבאַרקייט,
און דינט געטריי מיר ווייטער — ביז לעצטן לעבנס־ברעג.

און וואונדער! . . .

מיר וועלן געדענקען דאָ — די קורצע ליבעסשטונדן.
(אָ, צייט, ווען שוין נישט טאָג, און נאָך נישט נאַכט!)
ווען שטערן גייען אויף, ווען מיד פון מי און וואונדן,
ברענגט אונדז דער סוף פון טאָג אַהיים פון שווערער שלאַכט.

מיר וועלן געדענקען דאָ — די שטולן וואו געזעסן
מידע, און אָפּגערוט אין שווייגן פון געבויגנקייט!
דעם טעם פון אָרעמען אָוונטברויט וואָס מיר האָבן געגעסן:
אין ליבשאַפט דורכגעלייענטע ביכער: אַ פאַרבויגענע לידערזייט.

— און וואונדער! שווייג, זיי שטיל, הער ווי סע גלעט —
אַ שטים אין טרויער, (און ווי דער מאָרגנשטערן נאָענט און ווייט!)
רוישט און זינגט פון דור צו דור אַ שורה פון אַ לאַנג־
פאַרשטאָרבענעם פאָעט! . . .

ביז איצט דערשינען פון זעלבן מחבר

1. גאַסן און עוועניוס

פאַרלאַג „בידערמאַנס בוך־געשעפט", ניו־יאָרק, 1928

2. פון אומעטום

פאַרלאַג „בידערמאַנס בוך־געשעפט", ניו־יאָרק, 1934

3. פישערדאָרף

פאַרלאַג „בידערמאַנס בוך־געשעפט", ניו־יאָרק, 1938

4. משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זיין דור

אַרויסגעגעבן פון מ. ל. האַלפּערן אַרבעטער־רינג בראַנטש 450, ניו־יאָרק, 1942

5. די לאַנגע נאַכט

אַרויסגעגעבן פון ליפּקאַנער בעסאַראַבער סאָסייעטי, ניו־יאָרק, 1946

ELIEZER GREENBERG
326 E. 15th Street
New York 3, N. Y.